STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03114

FREYLEKHE ZIG-ZAGN

Hersh Shishler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MR & MRS MILTON BERNICK
696 SUMNER ST.
SAINT PAUL, MN. 55116

הערש שישלער

פריילעכע זיג־זאַגן

הומאָרעסקעס
שפּאַסן
שאַרזשן
און
גלאַט מעשהלעך

יאָהאַנעסבורג — וואַרשע
1937

Druk. A. Rozensztajna, W-wa, Mławska 5, tel. 11-53-61.

פרייל֞עכע זיג-זאַגן

פאַרבעטן אויף מיטאָג

אין אַ געוויסן מאָרגן האָט די וועלט פאַר מיר זיך צעשטראַלט: די זון האָט מער ווי אַלעמאָל ליבלעך געוואַרעמט, דער הימעל האָט גוטמוטיק געשמייכלט, די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרן אין יענעם מאָרגן — אַ שטיק פרייד און גליק!

די מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט, האָבן מיר אויסגעקוקט אַנדערש ווי אַלעמאָל — גליקלעכע געשטאַלטן. מען־לעך, אַז זיי זיינען דערפאַר געווען גליקלעך, וואָס מיין פרייד איז געווען גרויס, איך האָב זיך געפילט גליקלעך — נאָר אַלעמען אויסצוקושן.

ס'איז געווען אַ גליקלעכער מאָרגן — מיין פריינט אַרנאָלד האָט מיך פאַרבעטן, צו זיך אויף מיטאָג.

און אַז מיין פריינט אַרנאָלד האָט מיך פאַרבעטן אויף מיטאָג, האָב איך די איינלאַדונג אָנגענומען, ווי מען נעמט

אויף אַ גוטן אָנזאָג — אַ בשורה טובה, איך האָב שוין דעם טאָג גאָרנישט צוגעביסן — איך האָב נאָך באַדויערט, וואָס איך האָב נישט נעכטן געוווּסט פון מיין פריינט אַרנאָלדס סורפּריז, וואָלט איך דערפון נעכטן געוווּסט, וואָלט איך זיך איינגעבערעגגט אַ פּאָר שילינג פאַרן מיטאָג, וואָס איך האָב גע־צאָלט, איך וואָלט אפילו מיט אַ טאָג פריער, אויך נישט גע־געסן, ווייל אַז מען גייט שוין צו אַ פריינט עסן אַ מיטאָג, דאַרף מען זיין גוט פאָרבערייט, מיט אַן אַפּעטיט פון אַ טי־גער, אַז מען זאָל זיין עס־פּעאיק, כדי צו קאָנען עפּעס נעמען אין מויל אַריין, ווייל נישט אַלע טאָג פאַרבעט אַ פריינט אויף מיטאָג, און אַז עס געשעט טאַקע אַזאַ מופת, וואָס איז אַזעל־טענע זעלטנהייט, דאַרף מען זיין דערצו — ווי אַ קעמפער צום קאַמף...

אַז מען קומט צו אַ פריינט אַפּעטיט־לאָז, טוט נאָר ווי דאָס האַרץ, מען קוקט נאָר אַלץ אָן און אין האַלדז גייט דאָס נישט, כאָטש נעם באַגעוואַלט מיט אַ וואַלגער־האָלץ — און שטאָפּ, אַז עס גייט פאָרט נישט, ס׳איז באמת אַ טראַגעדיע, דאָס האַרץ ווערט פּשוט צוריסן, אַלץ שטייט און דו קוקסט דאַרויף, הגם דו האָסט אַ רעכט פון אַלעם טועם צו זיין — אָן אַ גראָשן געלט.

וואָלט געווען אַ מאָדע, אַז דאָס וואָס דער גאַסט איז נישט ביכולת אויפצועסן, זאָל ער נעמען אין אַ צייטונגס־בלאַט און איינפּאַקן זיך, וואָס אים געפעלט און גלוסט און אַהיים נעמען, וועט ער האָבן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן — אויף

װען דאָס האַרץ װעט אים גלוסטן און װען דער אַפּעטיט װעט מאָנען...

איז אָבער דאָס לעצטע לעת עתה נאָך נישט געװאָרן מאָדערנע, און פון דזשענטלמענישן שטאַנדפּונקט אױך אַ ביסל נישט דאָסיק — און איר דאַרפט װיסן, אַז איך בין אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דזשענטלמענישקײט און טאַקע דערפאַר לײד איך פיל:

אָט, אַנומעלטן בין איך געגאַנגען אין גאַס, האָב איך אָנגעטראָפן אַ ײנגע פרױ באַלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך, דערצו מיט אַ קלײן קינד אױף די הענט — אַ מײדעלע פון אַ קנאַפּן יאָר אַלט מיט שװאַרצע חנ׳דיקע אױגעלעך, בין איך דאָך אַ מענטש — אַ דזשענטלמאַן, בין איך גלײך צו צו דער פרױ, אַרױסגעװיזן מײן גרײטקײט און העפלעכקײט מיט עפּעס איר צוהעלפן, גרינגער צו מאַכן איר, האָט זי מיך געבעטן: — האַלטן אַ װײלע דאָס קינד. האָב איך גענומען פון איר דאָס שײנע חנװדיקע מײדעלע, אין גאַס איז געװען אַ געפּערלעכע ענגשאַפט פון מענטשן — און נישט באַמערקטערהײט איז מיר בינו־לבינו, די פרױ מיט די פּעקלעך פאַרשװונדן — װי אין װאַסער אַרײן, און איך בין געבליבן מיטן קינד, האַלטנדיק זיך שײנע טעג ביז — איך האָב דאָס אָװעקגעגעבן אין אַ פינדל־הױז...

מײנע קאָלעגן, פרײנט קינסטלער לאַכן פון מײן העפלעכקײט, זײ זאָגן, אַז מיר לעבן אין אַ צײט, װאָס העפלעכקײט איז געװאָרן אַ יקר־המציאות — אפילו אין די אַפּ־

טייקן איז דאָס נישט צוקויפן... און דאָס וואָס איך בין דער־פון אַזאַ שטאַרקער אַנהענגער, איז אין רעזולטאַט דערפון, וואָס מחמת, נאָך אין מיין קינדהייט, בין איך שוין געווען אַ גרויסער אַנהענגער — אין דראָזשקעס און וועגנער...

דערווייל אָבער לאָך איך אויס מיינע פריינט מיט זייער לאַכן פון מיר, איך לאַך פון זיי, ווייל עס איז מיר אַזוי גוט אויפן האַרצן — נאָר צום לאַכן, איך בין געלאַדן צו מיין פריינט אַרנאָלד אויף מיטאָג!

ענדלעך איז אונטערגעקומען די גליקלעכע צייט, די גוטע שעה האָט געשלאָגן, איך האָב זיך אויסגעפוצט אין עסיג און האָניג — און אַוועק צו מיין פריינט אויף דעם געלאַדענעם מיטאָג.

ווען איך בין אַריין צו מיין פריינט אַרנאָלד אין הויז, איז שוין דאָרטן געווען דער טיש אָנגעשטעלט פון אַלעם גוטן; אַרום זיינען געזעסן פרויען און מענער פון פאַרשידענעם עלטער, צווישן זיי אַן עלטערע פרוי מיט אַ היבשן נאָכהענגגדן אָנגעבלאָזענעם גוידער ווי ביי אַן אינדיק — אַלע זיינען געווען פאַרטון אין דער אכילה.

אַז מיין פריינט אַרנאָלד האָט מיך דערזען, איז ער מיר אַנטקעגן געלאָפן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און אין גוטן טאָן צו אַלעמען אויסגערופען:

— איך האָב דעם כבוד פאָרצושטעלן מיין פריינט, דעם הומאָריסט און וויצלער — מיסטער איקס!

אַלע האָבן איבערגעריסן די אכילה, אויפגעהויבן זיך

פון די ערטער מיך צו באַאָבאַכטן, אויך די פרוי מיטן אָנגע־בלאָזענעם גוידער, האָט מיך דורכגענומען מיר איר שאַרפן בליק און בשעת מעשה, האָט זיך ווי אַן אומרו פון אַ וואַנד־זייגער — געוויגט איר אָנגעבלאָזענער גוידער.

באַלד האָט מיך מײַן פרײַנט אָנגענומען פאַרן צרם און מיך וויל־ייִנגעריש אַוועקגעזעצט אויבנאָן, דאָס חשוב'סטע אָרט ביים טיש מיר אָפּגעגעבן און אַלעמען באַמערקט:

— אונזער ליבער גאַסט, דער וויצלער וועט אויף גע־וויס נישט אַנטזאָגן, ווען ער וועט געבעטן ווערן צו דערציילן אַ וויץ!

פון אַלע זייטן האָט גענומען אָפּהילכן אַ הילכיקן בראַ־וואָ פּאַטשן און גלייך אויפן אָרט האָט מען גענומען זיך צו מיר, מיך מאַטערן — איך זאָל דערציילן אַ וויץ.

איך האָב אנטזאגט צו דערציילן אַ וויץ, מיטן מאַטיוו, אַז איך בין אין אַ שלעכטער שטימונג.

דער עולם אַרום האָט אויסגעשאָסן מיט אַ ווילד גע־לעכטער, אַז איך בין דער אמת'ער הומאָריסט, דער ריכטי־קער וויצלער — און ווייס ווי דאָס צו מאַכן...

דער עולם האָט גענומען צוריק עסן, איך האָב אויך געוואָלט נעמען דעם ערשטן לעפל צום מויל, אָבער גלייך אויפן אָרט — ווענדעט זיך צו מיר די פרוי מיטן אָנגעבלאָ־זענעם גוידער:

— מיסטער, הומאָריסט, זאָגט נאָך עפּעס אַ וויץ!

איך האָב באַקומען אַ שלעכטס האַרץ אויף דער פרוי־

מיטן אָנגעבלאָזענעם גוידער, וואָס פאַרגינט מיר נישט, דעם לעפל צונעמען אין מויל אַריין און דערפאַר איר אַריינגעזאָגט, גאָרנישט קיין פריילעכן וויץ:

— קיין וויצן קאָן איך נישט זאָגן, נאָר דאָס קאָן איך יאָ, גוטע פרוי זאָגן, ווען איך זאָל פאַרמאָגן אייער גוידער, וואָלט איך געהאַט פון אים אַ נוצן, איך וואָלט פון אים געמאַכט אַ לופט-באַלאָן — און מיט אים געפלויגן צום מאַרס!

אַלע אַרום שיסן אויס אין ספּאַזמאַטישן געלעכטער, אויך די פרוי מיטן גוידער לאַכט מיט, האַלטנדיק זיך ביי די זייטן:

— אַך ווי וויציק דאָס איז, גוואַלט מיינע זייטן!

איך נעם צוריק דעם לעפל און וויל אים דערנענטערן צום מויל — און שוין שפּרינגט אַרויס אַ פרישער פון עולם:

— אַז מיר האָבן שוין יאָ דאָס גליק צו זיצן מיט אַ וויצלער ביי איין טיש, וואָס שרייבט אַריין אין די צייטונגען, ווילן מיר טאַקע אויסנוצן די געלעגנהייט און הערן אַ גוטן וויץ!

דאָ האָב איך זיך שוין אַ ביסל בייז און שאַרף אָפּגערופן:

— יינגערמאַן דרייט מיר נישט קיין צילינדער-הוט און שטערט מיר נישט די סימפּאָניע — פון מיין מאָגן!

ווי איך האָב נאָר דאָס אַרויסגעזאָגט, דער עולם קייכט

שוין פון געלעכטער, דאָס געלעכטער טראָגט זיך פון אײנעם צום צװײטן שטאַרקער און שטאַרקער.

איך נוץ דערװײל אויס די געלעגנהײט און כאַפּ שנעל דעם לעפל — און װי איך האַלט אים שוין נאָנט צום מויל — סטאָפּ! מײן פרײנד אַרנאָלד איז דאָ! ער בעט מיך, נישט מער און נישט װײניקער: װי איך זאָל װײלן דעם עולם מיט װיצן זאָגן, מחמת ער האָט זײ אַלעמען פאַרשפּראָכן — אַז איך װעל זײ װײלן...

איך באַקום אױך אַ בײז הארץ אויף מײן פרײנט אַר-נאָלדן און זאָג אים אַרײן הויך:

— אַרנאָלד, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, אויב נישט, װעט דײן װײב הײנטיקן יאָר — מפּיל׳ן !...

דער עולם כאַפּט דאָס גלײך אויף — און מען קײכט פון געלעכטער.

איך האָב געזען, אַז איך װעל שוין קײן גרויס נחת פון מײן פרײנטס סורפּריז מיט זײן געלאַדענעם מיטאָג, נישט האָבן, איך האָב אפילו געװאָלט זיך אויפהויבן, ערקלערן, אַז איך האָב אַ װיכטיקן ענין: אַ לװיה, אַ חתונה אָדער גאָר אַ זיצונג, בין איך דאָך אָבער אַ מענטש מיט העפלעכקײט — און איך בין געבליבן זיצן אויף מײן אָרט, װײטער אין געהאַקטע װונדן, קוקנדיק אויפן עולם עסערס, װאָס זײנען שטאַרק עוסק אין דער אכילה, רײדן נישט אויס קײן װאָרט, נאָר װען זײ זעען, אַז איך נעם דעם לעפל צום מויל —

דאַן זיינען זיי מפסיק אין דער אכילה און רייסן פון מיר שטיקער:

— דערציילט, דערציילט אַ וויץ! אייערע וויצן זיינען דאָך וווּנדערבאַר, איר זענט דאָך דער גרעסטער הומאָריסט, גרעסער אפילו — פון עמיל זאָלאַ!...

איך האָב געוואָלט נישט ענטפערן, אָבער אַ נאָענטער שכן צו מיר, האָט מיר כמעט, ווי מיט גוואַלט אָוועקגעריסן דעם לעפל פון מויל זאָגנדיק:

— איר ווייסט, אַז הומאָריסטן עסן נישט!

— יאָ, זיי עסן נישט, האָב איך זיך אָפּגערופן — ווייל מען לאָזט זיי נישט!

דער עולם אַרום שיסט ווידער אויס אין ווילדן געלעכ־טער, מען כאַפּט זיך פאַר די זייטן, אָבער מען איז נישט לאַנג מפסיק אין הלכות אכילה.

איך זיץ און דאָס האַרץ ווערט מיר צוריסן אויף פּיצלעך: איך קוק ווי דער עולם רייבט אַ סעודה און איך מוז נעבעך שלינגען די סלינע, ווען איך וויל נאָר נעמען עפּעס צום מויל — איז שוין דאָ, אַלעמאָל אַ צווייטער גזלן און מאַ־טערט מיך; דערציילט אים וויצן, און מיר חלש'ט דאָס האַרץ, איך פּיל איך גיי אויס: אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מיין מויל, און געהאַט אַזויפיל קרענקונג, וואָס איך האָב נישט געוווּסט, אַז מיין פריינט אַרנאָלד, וועט מיך פאַרבעטן אויף מיטאָג און געגעסן נעכטן אַ מיטאָג און באַצאָלט פאַר אים אַ פּאָר שילינג, געווען אַזוי גליקלעך, מיט אַזעלכע רייכע

פֿאַנטאַזיעס װעגן מײַן פֿרײַנט אַרנאָלדס סורפּריז מיטן אײַנלאַדן מיך אויף מיטאָג און דאָ — אַזעלכע גזלנים! לאָזן מיך אפֿילו נישט פֿאַרזוכן קיין ברעקל, קיין זופּ יויך, כאָטש דערפֿילן, װאָס פֿאַר אַ טעם דאָס האָט: צי איז דאָס רוי — צי פֿאַרברענט, גוט, צי גאָר עס האָט אַ טעם — צו ברעכן. איך װיל בגנבה נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, אָבער דער עולם היט מיך גוט, װי נאָר זײ דערזען, אַז איך װיל דערגענטערן עפּעס צום מויל מאַטערן זײ מיך גלײַך — איך זאָל זײ דערצײלן װיצן.

זע איך דאָך שוין, אַז איך בין שלעכט, גאָר ביטער אַרײַנגעפֿאַלן, האָב איך זיך גענומען בײַם עולם בעטן:

— לאָזט מיך צורו. איך האָב שוין נישט קיין װיצן, כ'האָב שוין אײַך מײַן גאַנצן װיצן־רעפּערטואַר אויסדערצײלט, איר קאָנט מיך באַזוכן, אויב איך האָב כאָטש אײן װיץ, אַ קריזש פֿון אַ װיץ! בעט איך אײַך, װי גאָט איז אײַך ליב, האָט רחמנות און לאָזט מיך אָפּ, אויב איר װילט מיך נישט זען אַ געחלשט'ן!

אַז דער עולם האָט דערהערט מײַנע תּחנונים, האָט מען ערשט אויסגעשאָסן מיט דעם אמת'ן געלעכטער, — אָבער נעמען אין מויל — האָט מען מיך שטאַרק געהיטן, קיין אויג האָט מען נישט אַרונטערגענומען פֿון מיר און גלײַכצײַטיק, געמאַטערט מיך —איך זאָל זײ װײַלן, איך בין דער גרעסטער װיצלער, דער אמת'ער לץ!

דער עולם איז געזעסן און געפֿרעסן, אויף װאָס די

וועלט שטייט: טעלער זיינען אַראָפּ פון טיש ליידיקע און אַרויף פולע, דער ריח פון די מאכלים האָט מיר געקיצלט אין נאָז און אין האַלדז האָט מיר געגומען טרוקענען, דער עולם אָבער האָט מיך אַלץ נישט אָפּגעלאָזן — איך מוז זיי דער־ציילן וויצן.

מער קיין געדולד האָב איך שוין נישט געהאַט, און איך האָב, אָנשטאָט זיי וויצן צו דערציילן, גענומען שילטן, וועמ נאָר עס האָט מיך פאַרטשעפּעט — איך זאָל אים זאָגן אַ וויץ, האָב איך אים דערלאַנגט אַ קללה אין ווייטן יחוס אַריין, אָבער דער עולם האָט געקייכט, אַז איך בין אַן אויסגע־צייכנטער וויצלער — ממש אַ קאָמיקער פון גאָטס גנאָד...

דער עולם האָט געהאַט גרויס ד'הנאה און געריבן מיט די פיסקעס, ווי מען וואָלט זיי פאַר דער מלאכה געצאָלט און איך, איך האָב געמוזט צוקוקן פול מיט ווייטיק — און נאָך ווילן דעם עולם.

מיטאַמאָל איז מיר געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן, איך האָב דערפילט: — דער גאַנצער קערפּער ווערט מיר אַ שווע־רע משא, דער קאָפּ ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, פאַר מיינע אויגן האָבן ווילד געטאַנצט אַלע אַרום, ווי ווילדע שדים מיט אַרויס־געשטשירעטע ציינער, די יידינע מיטן אָנגעבלאָזענעם גוידער, מיין פריינט אַרנאָלד, פולקעס,.. פופיקלעך,.. פליגעלעך,.. קלאָפּסן און טראַך — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב אויפגעמאַכט מיינע אויגן, האָב איך זיך

ארומגעזען, אז איך האָב זיך געפונען אויף דער סאָפע מיט
אַן ארומגעבונדענעם קאָפּ, מיין פריינט אַרנאָלד מיט זיין ווייבל
ליזע, זיינען געשטאַנען איבער מיר מיט וואַלערין־טראָפּנס —
און געריבן מיר דאָס האַרץ...

דער אײביקער בחור

סעם בורשטין איז אַ בחור שוין אין די זעכציקער יאָרן, אין לאַנד איז ער שוין גאַנץ פון פיר צענדליק יאָרן, געקומען איז ער פון אַ קליין געניק־שטעטל, פון יענער זײט ים, נאָך אַלס יונגסטער, קוים אַלט זײענדיק אַ צוואַנציק יאָר.

קומענדיק אין דעם „גאָלדענעם לאַנד", האָט סעם בורשטין דורכגעמאַכט הייס און קאַלט, שלעכטס און ביטערס, דער פעטער אייזיק, וואָס האָט אים אַרונטערגענומען, האָט אים מער ווי צוויי טעג „קעסט" נישט געגעבן, ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז אויסלאַנד — אַז יעדער מוז טרויען פאַר זיך צו מאַכן אַ לעבן.

און סעם האָט דערפילט דעם אויסלענדישן יאָך, ער ער האָט פאַרלאָזט דעם פעטער אייזיק און בײ זיך באַשלאָסן, אַז ווי שלעכט עס זאָל אים נישט זײן, זאָל ער צום פעטער אייזיק נישט צוריקקערן, אפילו נישט הערן פון אים, ער האָט באַקומען אַ שלעכט הערץ אויף אים — און באַשלאָסן אין אים אינגאַנצן פאַרגעסן.

סעם בורשטין האָט זיך גענומען לאָזן איבער דער

מדינה זוכן אַ „דזשאָב", אָבער נישט אַזוי לײַכט איז דאָס אים אָנגעקומען, קײן ענגליש האָט ער נישט געקאָנט, מער ווי די צוויי ענגלישע ווערטער „יעס" און „אָלרײַט", האָט ער נישט צוקאָיעט. דאָס האָט אים טאַקע אַ סך געשטערט, באַזונדערס איז צו יענער צײַט דאָס לאַנד נאָך געווען יונג, ווײניק אַנטוויקלט, אײראָפּעער זענען נאָך געווען ווײניק, די גרעסטע טייל זענען געווען פון דער שוואַרצער באַפעלקערונג — נעגערס, און פאַר זײ האָט סעם זיך אויסגעהיטן, ווי פאַר אַ שוואַרץ יאָר...

גראָד האָט דער גורל געוואָלט, אַז סעם זאָל נאָר באַקומען אַ „דזשאָב" אין אַ „קאָפּ-ריטע". סעם האָט אַלס גרינער אָן אַ שפּראַך, נישט געקאָנט זיך העלפן און אָנגענומען דעם „דזשאָב", קײן גרויסער שפּראַכן-קענער האָט ער נישט באַדאַרפן צו זײַן, עס איז געווען גענוג זיך אויסצולערנען די צוויי ווערטער ווי „מושלא" און „סטערעק" און סעם האָט שוין געקאָנט אָנגײן.

אויף דעם „דזשאָב" האָט סעם אָפּגעאַרבעט אַכט יאָר צײַט. עס פלעגן דאָרט אַרײַנקומען בלויז נעגער-קונים, אַז דער בעל-הבית האָט זיך פאַרקוקט, האָט סעם די נעגער-שיקסעס אויסגעקניפּן שטיקער פלייש...

מען פלעגט אַפילו שפּעטער מורמלען, אַז סעם פאַרשווינד מיט די נעגער-שיקסעס באַנאַכט צווישן די פעלזן-שטיינער... מען האָט אים געוואָרנט, אַז דאָס איז געגן געזעץ, אַז דאָס שמעקט מיט אַרויסשיקן פון לאַנד, און מיט אַרײַנצימבלען אין

גראָבן פלייש... אָבער סעם האָט זיך ווייניק דערפון גע־מאַכט.

האָט טאָקע אַמאָל אַ נעגער־שיקסע פלוצלינג גענומען שוואַנגערן, האָבן חברה פון סעמען געשפּאַסט און געחוזקט:

— סעם, אַט קומט דיין נקבה, דיין ווייב!..

סעם פלעגט ווערן דערפון שטאַרק אויפגעקאָכט און צווישן זיינע צעפּוילטע ציינער אַרויסמורמלען; — „שאהאפּ" און דערביי געוויזן זיינע געזונטע מוסקולן...

אַז סעם בורשטין האָט זיך אַביסל אויסגעגרינט, נאָך קנאַפּע אַכט יאָר בראָטנדיק זיך אונטער דער אַפריקאַנער ברע־נענדיקער זון, איבער פאַרשידענע מדברות און צענטערן פון לאַנד, האָט סעם באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין דער רעזי־דענץ שטאָט.

פאַר סעמען האָט זיך אָנגעהויבען אַ ניי לעבן, ער האָט באַקומען נייע חברים און אַן אַנדערן אינטערעס אין לעבן. אין שטאָט האָט סעם שוין נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זיין נאָענט מיט די נעגער־שיקסעס, ער האָט זיי שוין נישט אויסגעקניפּן שטיקער פלייש און נישט פאַרשווונדן מיט זיי צווישן די פעלזן שטיינער...

פאַר סעמען האָט זיך געשטעלט אַ ניי לעבן.

אין דער פרייער צייט פלעגט סעם מיט חברה גוטע ברידער אַוועק אויף אַ קערטל, אָדער צו די הינט־ווישטשי־געס, דאָרטן האָט סעם אַרויסגעזאָגט גרויס מבינות און גביאות,

װעלכער הונט עס װעט קומען דער ערשטער, אָבער אַרויס־געװיזן האָט זיך גאָר קאַפּריער, און נישט איינמאָל פלעגט סעם אַװעקגיין מיט ליידיקע הענט דערשלאָגן.

און די צייט האָט זיך גערוקט נישט באַמערקטערהייט, סעם האָט גאָרנישט באַמערקט, װי ער עלטערט זיך, אַז די יאָרן לויפן. עס פלעגט אים אַרומנעמען אַן עקל צו זיין לעבן און איינזאַמקייט, צו דעם פריערדיקן לעבן, האָט ער שוין מער קיין לוסט נישט געהאַט, עס האָט זיך אים געװאָלט האָבן אַ היים, אָבער דאָס לעצטע איז אים געװען שװער צו פאַרװירקלעכן: אַ פּאַסיקע פרוי האָט סעם נישט באַגעגנט אויף אַפריקאַנער ערד, די װעלכע איז סעמען געפעלן גע־װאָרן, האָט זי נישט געװאָלט פון אים הערן, און די, װאָס װאָלט שוין אפשר באַשטאַנען, איז סעמען נישט געװען צום האַרצן — און דערװייל האָט סעם פאַנטאַזירט אין גע'חלומ'ט װעגן זיין אויסדערװיילטע און די צייט איז דערװייל נישט געשטאַנען.

און איינמאָל האָט זיך סעם אַרומגעזען, אַז אַזוי לעבן װי ער לעבט — איז קיין לעבן נישט, און ער האָט גענומען טראַכטן פון אַ תכלית. פון אַ טיש־קעסטל האָט ער אַרויס־גענומען אַ פּאַק פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס, ביי איינע פון די פאָטאָגראַפיעס האָט זיך סעם פאַרהאַלטן, ער האָט אויף איר לאַנג געקוקט און זיך פאַרטראַכט. די פאָטאָגראַפיע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט: סעמען, געזונט אַנטװיקלט, זיינע לאַנגע פיס אַריינגעטאָן אין װייס געפּרעסטע הויזן, דער

ווייסער קאָלנער עלעגאַנט אויסגעבונדן מיט אַ געשטרייפטן שניפּס און. איבער זיין שטערן אַרום האָט זיך געקרייזלט אַ טשופּרינע האָר.

לאַנג האָט סעם אויף דער פאָטאָגראַפיע געקוקט און זיך ערנסט פאַרטראַכט. — — — — — — — — —

אין אַ געוויסן טאָג האָט סעם אַוועקגעשיקט די פאָטאָגראַפיע, איבער יענער זייט ים — אין זיין געבוירן-שטעטל צו זיינעם אַ פריינט, און צוגעשריבן אַ פּאָר ווערטער — ער וויל מען זאָל אים שדכנען אַ מיידל...

און אָט איז שוין די פאָטאָגראַפיע אָנגעקומען אין שטעטל, זי איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, יעדער איינער האָט עפּעס געזאָגט ביים אָנקוקן איר: אָט, דאָס איז לייזער דעם פערד-הענדלער'ס זון? ער קוקט דאָך אויס אַ גאַנצער מענטש, ווי דעם אַפּטייקערס זון — דער דאָקטאָר?!

און אין שטעטל האָט מען לאַנג גערעדט וועגן סעמען, אַז אין אפריקע איז ער געוואָרן אַן עושר און פאַרמאָגט קורח'ס אוצרות...

קורץ נאָכדעם האָט סעם דערהאַלטן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מיידל, מיט אַ קורץ בריוול געשריבן פון זיין פריינט, אַז דאָס מיידל פון דער פאָטאָגראַפיע איז גרייט צו אים צו פאָרן, צו ווערן זיין פרוי. דערביי איז געווען צוגעגעבן אַ סך גוטע מעלות פאַרן מיידל.

סעם האָט געהאַלטן מיט ציטערנדיקע הענט די פאָטאָ-

גראַזיע, ער האָט זיך איינגעקוקט אין איר — און ער איז געוואָרן אין אַן אויפגעלעבטער ליבלעכער שטימונג: די מילדע אויגן מיט דעם קאָפּ לאָקן מיט דעם שמאָלינקן מיילעכל און זיסן שמייכל וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון דער קאַרטע, האָט שוין סעמ׳ן נישט געלאָזט רוען: פון אַ זעלכער האָט ער טאַקע שטענדיק גע׳חלומ׳ט, אַלע זיינע פאַנטאַזיעס און טרוימען זע־נען געווען, נאָר וועגן אַ זעלכע, וואָס ער זעט איצט פאַר זיך אויף דער קאַרטע. דער איינזאַמער נע־ונעד לעבן, איז סעמ׳ן שוין לאַנג נמאס געוואָרן, האָט טאַקע סעם אַ סך נישט גע־טראַכט און אָוועקגעשיקט אַ שיפס־קאַרטע און געלט דעם דעם מיידל — אַז זי זאָל קומען.

און נישט לאַנג איז אַוועק און דאָס מיידל איז געקומען, סעם האָט זיך געגרייט צום קבלת פּנים מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און אָט איז געקומען דער מאָמענט, ווען ביידע האָבן זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען — — —

דאָס מיידל אָבער איז געבליבן שטאַרק אַנטוישט... אַנ־שטאָט יענעם געזונטן העלדישן מאַן מיט דער געדיכטער טשו־פּרינע האָר, איז פאַר איר געשטאַנען עפּעס אַן אַלט באַשע־פעניש, אָן אַ צאָן אין מויל, און מיט אַ ליידיקן פּליכעוואַטן קאָפּ, וואָס האָט געשיינט, ווי אַ בלאַסע לבנה, און אַ פּנים, צעקנייטשט — ווי אַן אויסגעקוועטשטע לימענע...

און אין דער זעלבער צייט, איז סעם בורשטין געשטאַ־נען שטאַרק פאַרלוירן און געצויגן מיט די אַקסלען און גע־שטוינט: איז אָט דאָס די מיידל פון דער פאָטאָגראַפיע מיט

דעם זיסן שמייכל און געלאָקטן קאָפּ האָר? ניין, זי איז נישט יענע. איר פּנים קוקט אויס שטאַרק אַלט און דערשלאָגן טרויעריק, אירע האָר — ווי אַן אויסגעקראָכן האָר־בערשטל, און אירע אויגן טריפן ווי פון אַ האַנטפאַס אין אַ בית־מדרש.

ביידע האָבן זיך געשטאַרקט נישט צו פאַלן אין חלשות

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַזוי:

די פאָטאָגראַפיעס זענען טאַקע געווען ריכטיקע. סיי פון סעם בורשטין, סיי פון דעם מיידל פון זיין געבוירן־שטעטל, נאָר... זיי זענען געשיקט געוואָרן אַביסל מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, די פאָטאָגראַפיעס זענען געמאַכט געוואָרן — מיט אַ קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק...

און סעם האָט באַשלאָסן צו בלייבן ווייטער בחור.

אַ בריוועלע דער מאַמען

לייענט פאַר מיר פאַר מיינער אַ לאַנדסמאַן אַזאַ בריוועלע, וועלכעס ער האָט נאָר וואָס אָנגעשריבן און האַלט עס ביים איבערשיקן צו זיין אַלטער מוטער — אין דער אַלטער היים:

„טייערע מאַמע!

„דו פרעגסט זיך, ווי מיר לעבט זיך, און ווי מיר גייט אין דער גאָלדענער מדינה, ווי מיר פירט זיך מיטן געזונט, דו בעטסט מיך, איך זאָל דיר אַלץ אַרויסשרייבן, קיין זאַך נישט פאַרהוילען: פאַר אַ מאַמע זיינען דאָך נישט פאַראַן קיין סודות, סיי אין פריידן, סיי חלילה אין ליידן".

„וועל איך טאַקע דיר, טייערע מאַמע, אַלץ אויסשרייבן".

„דו דאַרפסט וועגן מיר קיין שום זאַך נישט טראַכטן, נישט קלערן און נישט זאָרגן, איך בין גאָט צו דאַנקן געזונט— איך בין אָלרייט בין איך! נאָר לעצטנס, נישט פאַר דיר געדאַכט, האָב איך באַקומען א שטאַרקן הוסט און האָב צוגלייך פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, מיין דאָקטאָר דערקלערט מיר, אז איך

דאַרף וועגן הוסט קנאַפּ זאָרגן, נאָר ערגער איז, וואָס די לונגען זיינען ביי מיר אָנגערירט געוואָרן... איך בין געווען ביי אַ גרויסן ספּעציאַליסט, זאָגט ער מיר, אַז די לינקע לונג מוז מען ביי מיר אויסשניידן — אויב איך וויל בלייבן לעבן, איז וואָס טוט מען נישט אַלץ צוליב דעם לעבן? האָב איך טאַקע אַדורכגעמאַכט אַזאַ אָפּעראַציע, איך בין געלעגן אין האָספּיטאַל זיבן וואָכן און מען האָט מיר, די אָנגערירטע לונג, אויסגעשניטן, און גאָט צו דאַנקן, איך לעב מיט איין לונג, און איך האָב באַקומען אַ גרעסערן לוסט צום לעבן".

„מיינע דאָקטוירים ביי וועלכע איך קוריר זיך, זיינען גרויסע ספּעציאַליסטן, זיי האָבן ביי מיר, אַ חוץ דעם געלט, אויך אַנדעקט, אַז איך מוז האָבן אַן אָפּעראַציע אויף אַ „פּענדיסייטעס", אויב דאָס לעבן איז מיר טייער, זאָל איך אַפילו קיין איין טאָג נישט וואַרטן — און אַזאַ אָפּעראַציע זיך לאָזן מאַכן, און אַזוי ווי לעבן ווילט זיך דאָך, האָב איך טאַקע איינגעשטימט און אַזאַ אָפּעראַציע דורכגעמאַכט..."

„נאָך דער אָפּעראַציע האָב איך זיך טאַקע געפילט, ממש אַ ניי־געבוירענער מענטש—מיט נאָך אַ גרעסערן לוסט צום לעבן..."

„אָבער עס איז נישט אַוועק קיין לענגערע צייט, האָב איך זיך צוגעקילט און — דער דאָקטאָר האָט מיר געראַטן, אַז איך מוז האָבן אַן אָפּעראַציע אויף די מאַנדלען, עס האָט מיר טאַקע געקלאַפּט דאָס האַרץ, פאַר אַזוי פיל מאָל זיך לייגן אונטערן מעסער — אָבער פאַרפאַלן! ווי זאָגט אונדזער

פעטער צדוק לייב: פאַרן לעבן איז קיין זאַך שווער... און דער אמת'ן, קאָן איך דיר שרייבן טייערע מאַמע, אַז נאָך יעדן מאָל אָפּערגיין פון אונטערן מעסער, האָב איך זיך גע־פילט שטאַרקער און געזונטער, מיט אַלץ אַ גרעסערן לוסט צום לעבן..."

„זאָל די מאַמע וועגן מיר קנאַפּ זאָרגן, דאָס וואָס די אויגן זענען מיר לעצטנס געוואָרן שוואַך, זאָגן מיר די דאָק־טוירים, אַז דאָס חלילה, איז נישט קיין געפערלעכער אָפּע־ראַציע, ערגער איז מיר מיט די אויערן, וועלכע פייפן מיר אָן אויפהער ווי אַ שווערער לאָקאָמאָטיוו, און האָבן מיר אַרויס־גערופן שטאַרקע קאָפּ־ווייטאָג, מיין דאָקטאָר האָט מיר דערצו־געראָטן, יעדן טאָג אַרויפצושטעלן אויפן קאָפּ אַ פּאָר פּיאַוו־קעס, דאָס לעצטע העלפט מיר אפילו נישט שלעכט, האָבן אָבער די דאָקטוירים אויסגעפונען, אַז איך בין געבליבן בלוט־אָרעם, נאָר צו דער בלוט־אָרעמקייט, האָבן די דאָקטוירים גע־נומען מיר מאַכן איינשפּריצונגען, די איינשפּריצונגען זענען זייער גוט און איך וואָלט פון זיי געוואָרן אַ העלד — אַ צווייט־טער שמשון הגבור מיט נאָך אַ גרעסערן לוסט צום לעבן... איז אָבער געשען אַ צופאַל; די נאָדל פון די איינשפּריצונגען וואָס מען האָט מיר געמאַכט, איז נישט געווען קיין ריינע — און מיין רעכטע האַנט איז מיר געוואָרן פאַרגיפטעט... די דאָק־טוירים זאָגן מיר, אַז עס איז חלילה נישט קיין געפאַר, אין ערגסטן פאַל וועט מען מיר מוזן אַרונטערנעמען די רעכטע האַנט..."

„נאָר וועגן דעם ערגער איך זיך אויך נישט צו פיל

ווייניק מענטשן לעבן מיט איין האַנט? עס זיינען דאַ געניג פון גאָט געשטראָפטע וואָס לעבן אָן פיס און אָן הענט, זייך בין נאָך אין דער היינזיכט אַ גליקלעכער מענטש... אָן דער רעכטער האַנט וועט מיר אפילו זיין אַביסל שווער צום רעדן — אָבער פאַרפאַלן...״

„ווייטער ליבע מוטער, אַזוי פיל איך זיך גאַנץ גוט, דו דאַרפסט קיין זאַך וועגן מיר נישט קלערן און זאָרגן. איך בין גאָט צו דאַנקען געזונט... אפשר געדענקסטו, איך האָב אַמאָל געהאַט אין דער היים געליטן פון גאַל-שטיינער? האָבן זיי זיך ביי מיר לעצטנס געגומען אָפרופן און איך האָב ווייטיקן און אַטאַקן פון זיי, אָבער די היגע דאָקטוירים גיבן מיר זייער גוטע האָפנונגען, אויב איך וועל זיך לאָזן מאַכן אויף די גאַל-שטיינער אַן אָפעראַציע, וועל איך מער פון זיי נישט ליידן, און עס וועט צוגלייך, אויך האָבן אַ גרויסע ווירקונג, דאָס מיין צוקער-קראַנקהייט זאָל זיך ביי מיר, נישט ווייטער פונאַנדער-שפרייטן, אַנדערע האַלטן, אַז דאָס איז נישט קיין צוקער-קראַנקהייט, נאָר רעוומאַטיזם. מיין דאָקטאָר פון דער לאַנדס-מאַנדשאַפטס-סאָסייטי, ראַט מיך דערפון זיך אויסצולאַכן, ער זאָגט עס איז נישט קיין צוקער-קראַנקהייט און נישט קיין רעוומאַטיזם, נאָר די לעבער איז ביי מיר געשוואָלן... ווייטער אַזוי בין איך פאָלקאָם געזונט און עס אָרן מיר נישט אפילו אַלע ווייטאָקן וואָס איך האָב, איך בעט דער מאַמען, אַז זי זאָל ווייניק זאָרגן וועגן מיר און מיין געזונט״...

דיין זון — יאָסל.

פ. ס. — „איך וואָלט דיר מער. מאַמע געשריבן נאָר מיין דאָקטאָר האָט מיר געלאָזט וויסן — אַז עס איז גרייט פאַר מיר אַ בעט.

יאָסל.

עס וואלט געקאנט זיין נאך ערגער...

איך האב א פריינט וואס אויף יעדע זאך, אויף יעדע געשעניש, אפילו אויפן ערגסטן אומגליק, האט ער א ווערטל: „עס וואלט געקאנט זיין נאך ערגער". און אט דעם אויסדרוק, נוצט אויס מיין פריינט זייער אפט, ביי יעדע געלעגנהייט, ביי יעדער צרה, ביי יעדן אומגליק, ביי פארשידענע פארפאלן, טראגישע פאסירונגען, דורכפאלן אין לעבן, ממש אויף טריט און שריט!

אלס אויסדרוק פון איבערגעגעבנקייט, וועל איך איבערגעבן צו מיינע ליבע לעזער, אייניקע קורצע אויסצוגן פון מיינע באגעגענישן. געשפרעכן און פאסירונגען מיט מיין פריינט — וועלכער האט אויף אלעמען גרייט זיין באגאזש־ענטפער: „עס וואלט געקאנט זיין נאך ערגער!..."

איך טרעף אנומעלט מיין פריינט, ער לויפט א פארסאפעטער אין גאס. איך דערשרעק זיך פאר אים, האלט אים אפ אין לויפן — און פרעג זיך: וואס איז געשען?

מיין פריינט ענטפערט מיר קורץ, אַן אומגליק — זיין וויב גט אים אָפּ.

איך באַדויער מיין פריינט, איך טרייסט אים און רייד אים אויס זיין פאַרצווייפלונג, מיין פריינט אָבער ענטפערט מיר באַלד:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, ווען מיין וויב — זאָל חרטה בעקומען...

איינמאָל קלאָגט פאַר מיר מיין פריינט; שוין דריי חדשים ווי ער האָט געבאָרגט צו אַ לאַנדסמאַן אַ גמילות־חסד „אַ פייווער" און יענער מאכט זיך נישט ווּיסנדיק — ווי גאָרנישט!

און איידער איך בעוויז נאָך עפּעס צו זאָגן, גיט מיין פריינט צו:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, ווען מיין לאַנדסמאַן ברענגט מיר אָפּ דעם גמילות־חסד, דעם „פייווער" און באַפּט אַ פרישן „טענער"...

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, ווערט מיין פריינט קראַנק, טאַקע אַ חולה־מסוכן! ליגט אין בעט און ברענט אין שטאַרקער היץ, איך ראָט אים, רופן אַ דאָקטאָר, ער שטעלט זיך אַנטקעגן און פאַרוועהרט דאָס. ער ליגט אָפּ קנאַפּע דריי וואָכן אין בעט, און וויל נישט הערן פון קיין דאָקטאָר, און נישט פון קיין מעדעצין, אַ שוואַכער, מיט פאַרטרוקנטע ליפּן, האָט ער קוים אויסגערעדט:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, — ווען אַ דאָקטאָר זאָל קומען!...

איינמאָל ברענגט מען מיין פריינדס זון אַ שטאַרק צו־מזיקטן — אַ לאַסט־אויטאָמאָביל האָט אים איבערגעפאָרן, צע־בראָכן אים די ביינער; איין האַנט אויסגעלענקט, און דעם לינקן פוס שטאַרק צעשעדיגט. אַלע אין הויז מאַכן אַ יעלה, עס ווערט יום־כפור, מיין פריינט בארויקט אַלעמען און ענט־פערט קאַלט אָפּ:

– עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער!

מיין פריינטס טאָכטער האָט חתונה געהאַט, דער איידעם איז אַ ליידיקגייער, קיין פּעני פּרנסה נישט פאַרדינט. אין אַ געוויסן טאָג, האָט דער איידעם גאָר אַוועקגעוואָרפן זיין יונג ווייבל און געמאַכט ויברח — אין דער וועלט אריין.

דאָס יונג ווייבל איז געקומען צוריק אַ היים, צום טאַטן. אַלע האָבן געזיפצט און געקרעכצט, מיין פריינט האָט זיך געטרייסט:

עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, — ווען ער אַנט־לויפט נישט, אַזוי, נאָר איין האָרב אויף מיינע פּלייצעס!...

מיין פריינטס זון האָט געהאַט אַ מיידל, אַרומגעגאַנגען מיט איר צוויי יאָר און איר שטאַרק געליבט, פּלוצלינג, האָט דאָס מיידל אים אויסגעטוישט אויף אַ צווייטן בחור, אַ שענערן אַ בעסערער פאַרדינער — און פון שענערן יחוס. מיין פריינדס זון האָט זיך דערפון שטאַרק איבערגענומען; ער איז אַריינ־געפאַלן אין אַ טיפער מעלאַנכאָליע, אַזוי אומגליקליך, אַז ער איז בעגאַנגען — זעלבסטמאָרד, אַלע האָבן געקלאָגט, נאָר מיין פריינט האָט גע׳טענה׳ט:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער!...

מיין פריינט איז אַ ליבהאָבער פון הינט. הינט איז זיין לעבן, האָט טאָקע מיין פריינט אין הויז שטענדיק אַ הונט.

איינמאָל אָבער איז מיין פריינטס הונט געוואָרן ווילד, זייער ווילד — משוגע! און שטאַרק צוביסן אַ פוס, נישט קיין צווייטן, ווי נאָר זיין אייגענעם בעל־הבית. די שטוב מענטשן האָבן אָנגעהויבן טומלען: מיר דאַרפן נישט קיין הונט. און מען זאָל אים שוין פאַרטרייבן, מיר ווילן נישט ליידן אומזיסטע צרות! אָבער מיין פריינט ווערט נישט אָפּגעשראָקן, און מיט זיין באַקאַנטן ענטפער אַנטקעגן געקומען:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, - ווען אַ פרעמדן דער הונט צובייסט, עס וואָלטן זיך אָנגעהויבן אַ סדרה משפטים מיט אַדוואָקאַטן און מיט צאָלן, וואָס וואָלט מיך רואינירט.

איינמאָל איז מיין פריינטס הויז־געזינדל אַרויסגעפאָרן צום ים, ער איז געבליבן אַליין, האָב איך אים איינגעלאַדן אויף מיטאָג אין רעסטאָראַן ווו איך עס, מיין פריינט האָט מיר אָפּגעזאָגט, נאָך לאַנג ריידן און בעטן אים, האָט ער קוים איינגעשטימט.

מיר זענען אַוועק אין רעסטאָראַן, אָבער מיר האָבן פאַרשפּעטיקט, קיין מיטאָגן זיינען שוין נישט געווען, איך האָב זיך אַנטשולדיקט פאַר מיין פריינט און באַדויערט.

מיין פריינט האָט מיר באַרואיקט מיט זיין ענטפער:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, ווען מיר טרעפן טאָקע ריכטיק צו מיטאָג, מיין מאָגן איז נישט אינשורט!...

איינמאָל בין איך מיט מיין פריינט אַוועק אויף אַ קאָנ־צערט, אַ געוויסע זינגערין האָט באַדאַרפט אויפטרעטן מיט זינ־גען. עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, שוין נאָך דער באַשטימ־טער שעה פון אויפטרעטן פון דער זינגערין, דער עולם האָט געטומלט, געשטורעמט, ביז... דער מענאַזשער איז אַרויף אויף דער סצענע און דערקלערט; די זינגערין האָט זיך אין די לעצטע מינוטן פאַרן אויפטריט שטאַרק צוגעקילט און דער קאָנצערט ווערט אָפּגעלייגט אויף אַ צווייטן טערמין.

דער עולם האָט געשטראָמט צו דער קאַסע אָפּנעמען די געלטער, און מיין פריינט האָט שמייכלענדיק זיך אונטער־געברומט:

— עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, — ווער ווייסט ויפל געהלשטע עס וואָלטן געווען — ווען די זינגערין טרעט אויף...

איך בין אַמאָל געגאַנגען מיט מיין פריינט שפּאַצירן אין פּאַרק, מיר האָבן זיך געמיטלעך געשמועסט, פּלוצלונג לויפט אָן אַ צעפלאַמטע יידענע, און הויבט אָן שילטן מיין פריינט מיט די ערגסטע קללות־חרמות. מיין פריינט פּרובירט זיך פאַ־רענטפערן, ער וויל עפּעס זאָגן, אָבער יענע איז אין פולן ברען: פון איר מויל שיטן זיך „פּערל”. און לאָזט מיין פריינט צום וואָרט נישט קומען. איך וויל זיך אַריינמישן, אָבער איך באַקום אויך אויפן אָרט מיין „באַלוינונג”, מיין פריינט וויל זיך אָוועקרייסן פון אָרט, יענע אָבער פאַרשטעלט אים דעם וועג, און לאָזט אים אַרונטער — צוויי קלינגנדע פייערדיקע פּעטש.

פלוצלונג טוט די יידענע אַ שפּיי; – „אַמסאַדי״, איך האָב געמאַכט אַ „מיסטייק״, אַ טעות, און איז שנעל אַוועק...

מיין פריינט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און אַ דערפריי־ענדער אויסגערופן:

– עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, — ווען יענע איז מיין יידענע...

לעצטנס איז מיין פריינט געשען אַ גרויסן אומגליק, אַן אומגליק וואָס זאָל זיך מער נישט טרעפן: זיין ווייב האָט זיך פארליבט אין אַ יונגן באָיטשיקל, זי האָט אין דער שטיל צו־זאַמענגעקליבן דאָס ביסל צירונג און ממתקים און מיט אים אַוועק, אַוועק – און מער נישטאָ!

מיין פריינט גייט אַרום און מורמעלט:

– עס וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער, – ווען זי קומט צוריק!...

ער וויל דורכאויס אַ אלמנה מיט קינדער...

חיים קוואַטש איז, פאַר קיין שום מאַנסביל געדאַכט, געבליבן נעבעך אַן אַלמן. אַן אַלמן מיט צווי פאַר׳יתום׳טע קליינע קינדערלעך, איינס אַ מיידעלע — דאָס צווייטע — אַ ייִנגעלע.

חיים קוואַטש האָט געוויינט און געקלאָגט אויף דעם חורבן, וואָס אים איז געשען, ים׳ן טרערן האָט ער אויסגעוויינט פון זיינע אויגן, ער איז געווען שטאַרק צוזאַמענגעבראָכן — און נאָר געהאַלטן אין איין זיפצן און אויקן.

אַז עס זיינען אָפּגעלאָפן די ערשטע 8—10 חדשים נאָך זיין פרוי גיטעלעס טויט, האָבן זיך באַקאַנטע און סתם גוטע פריינט צו חיים׳ן אַ נעם געטאָן, אַז ער זאָל חתונה האָבן, אַז אַזוי לעבן, ווי ער לעבט, איז קיין לעבן נישט, ער איז נאָך אַ ייִנגער מענטש, ער מוז חתונה האָבן, כדי צו האָבן אַ בעל-הבית׳טע פאַרן הויז — און אַ מאַמע פאַר די צווי ייִנגע קינדערלעך. געגוג צו פייניקן און צו מאַטערן זיך און די ייִנגע אומשולדיקע שוואַלבן, גיטעלע וועט שוין פון קבר נישט

אויפשטיין, און נאָך וואָס זאָל זיך אַ יינגער מענטש פאַרפינ־
סטערן זיין לעבן און וועלט!

אַט אַזוי פלעגן אָפט איינ׳טענה׳ן באַקאַנטע און גוטע פריינט מיט חיים קוואַטשן, אָבער חיים האָט כמעט אַלעמען געלאָזט אָן ענטפער.

און אַז עס זיינען פאַרלאָפן נאָך אַ 4—5 חדשים און עס איז שוין געוואָרן מער פון אַ יאָר נאָך גיטעלעס טויט, האָבן זיין חברה: באַקאַנטע און פריינט צו חיים׳ן זיך אַ נעם־געטאָן, נישט פון אים אָפּגעשטאַנען — אַז ער מוז חתונה האָבן, און מען האָט אים אָנגעהויבן פאָרצושטעלן פאַרשידענע שידוכים, מיידלעך פון פאַרשידענע עלטער: יינגע קאָזעלעך און אַלטע פאַרזעסענע ציבעלעס... אַנדערע האָבן אים גע־שדכנט יינגע גרושות און אַלמנות, געוועזענע כלות און סתם חנ׳עוודיקע ווייבלעך, וואָס זיינען זיך צוגאַנגען מיט זייערע מענער צוליב פאַרשידענע סיבות...

אָבער חיים האָט בלויז וועגן אַלץ, נאָר אויסגעהערט און געבליבן שולדיק מיט אַן ענטפער, ער האָט פאַר׳עקשנט בעשוויגן און צו גאָרנישט איינגעשטימט — און נישט אַרויס־געזאָגט זיין מיינונג.

חברה האָבן אָבער חיימ׳ן נישט אָפּגעלאָזן, טאָג און נאַכט, שבת און יום טוב און אינדערוואָכן — און ווען נאָר מען האָט זיך מיט חיימ׳ן צוזאַמענגעטראָפן, האָט מען באַלד זיך צו אים אָנגעם־געטאָן — מכוח אַ תכלית, אַז ער איז אויף

זיך אַליין און אויף די קינדער אַ מערדער, אַז ער מוז חתונה האָבן.

אַז חיים האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער וועט זיך שוין פון חברה נישט אַרויסדרייען, האָט ער באַין ברירה גענומען וערן נאָכגיביקער און גענומען זיין עקשנות צו מילדערן און געענטפערט, אַז ער איז גרייט חתונה צו האָבן, נאָר מיטן תנאי, אַז... מען זאָל אים שדכנען אַן אַלמנה מיט קינדער.

האָבן חברה באַקאַנטע און גוטע פריינט אָנגעהויבן זוכן אַן אַלמנה מיט קינדער, אויף צו להכעיס איז נישט געווען קיין אַלמנה, און אַז גאָט האָט שוין געהאָלפן און עס האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַלמנה — האָט זי נישט געהאַט קיין קינדער, און אַז חיים איז געוויר געוואָרן, אַז זי האָט נישט קיין קינדער, האָט ער נישט געוואָלט הערן און געדענקען, און זיך געבעטן מיט גוטן און מיט בייזן, אַז מען זאָל אים לאָזן צורו, אַז ער וויל נישט חתונה האָבן, אויב שוין יאָ חתונה האָבן, האָט ער גע׳טענה׳ט — איז נאָר מיט אַן אַלמנה וואָס האָט קינדער.

אָבער אַז אַזאַ אלמנה האָט זיך פאָרט נישט געפונען, עס זיינען געווען אייניקע אלמנות — אָבער אָן קינדער, און וואָס זיינען נעבעך די אַלמנות שולדיק, אַז זיי זיינען געבליבן קינדערלאָזע—אַז זייערע מענער זיינען געווען לא יצלח׳ס...

אָבער חיים קיינמאָל האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען.

די סיבה פאַרוואָס ער וויל חתונה האָבן מיט אַן אַלמנה

מיט קינדער, האָט חיים נישט אויסגעזאָגט, ער האָט דאָס געהאַלטן שטאַרק בסוד — פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער...

נאָר אַז חברה האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן און געפּאַ־דערט פון חיים׳ן ער זאָל פאַר זיי דערקלערן זיין עקשנות און די סיבה פאַרוואָס ער וויל דוקא חתונה האָבן מיט אַן אַלמנה מיט קינדער, האָט חיים זיך שוין מער נישט געקאָנט אַרויסדרייען און ווייטער זיך אַרומצוטראָגן מיט זיין סוד — און ער האָט פאַר חברה אַזוי דערקלערט:

— איך וויל חתונה האָבן — האָט חיים געענטפערט — דורכאויס מיט אַן אַלמנה, וואָס זאָל האָבן קינדער, די סיבה דערפון איז א פשוטע: אַזוי ווי זי איז אַן אַלמנה און איך אַן אַלמן, וועט זי וויסן, אַז זי שטייט גאָרנישט העכער פאַר מיר —ביידע זיינען מיר אַ גלייכע פּאָר; זי אַן אַלמנה — איך אַן אַלמן. איצט אַזוי ווי זי האָט קינדער — האָב איך אויך דאָס רעכט צו האָבן קינדער, און אַז זי וועט זיין געטריי אירע קינדער — וועט זי מן הסתם אויך זיין געטריי מיינע קינדער, און אַז זי וועט נישט זיין געטריי מיינע קינדער — וועל איך נישט זיין געטריי אירע קינדער, און אַז זי וועט שלאָגן מיינע קינדער — וועל איך שלאָגן אירע קינדער, אַז זי וועט נישט געבן עסן מיינע קינדער — וועל איך לאָזן הונגערן אירע קינדער, און אַז זי וועט זיין אַ שלעכטע פרוי צו מיינע קינדער — וועל איך זיין א שלעכטער מאַן צו אירע קינדער, און אַז עס וועט זיין גאָר ביטער, איך וועל מיט איר נישט קאָנען א דורכקומען — איז אויס! וועלן מיר זיך

צוגיין, וועט זי נעמען אירע קינדערלעך און וועט זיין צוריק אַלמנה, און אירע קינדערלעך צוריק יתומעלעך — און איך צוריק אלמן!

אָט אזוי האָט גע׳טענה׳ט חיים קוואַטש, אַ ייד אַן אַלמן— אָבער אפנים גישט קיין נארישער...

וואס קאן דאס שאדן...

מיר האָבן געוווינט אין שכנות מיט אַ מלמד, אשר זרת האָט מען אים גערופן, אַ מלמד ווי דער שטייגער פון מלמדים, מיט אַ חדר, מיט תּלמידים גרויסע קונדסים, פלעגן טאַקע שכנים פון זיי האָבן אויסצושטיין גרויסע צרות, אָבער — וואָס קאָן דאָס שאדן...

חברה קונדסים פלעגן נאָכן לימוד אַרויס אויפן גאַס שטיפנדיק און שרייען, אַז מען האָט געקאָנט ממש פאַרטויבט ווערן, אָבער יונגוואַרג זאָלן זיי שטיפן, — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

דעם מלמדס ווייב, די מלמד'עכע איז געווען ווי אַלע ווייבער, פלעגט אויסקאָכן וואַרעמס, אויפרוימען דאָס הויז און פאַריכטן דעם מלמדס אַלטע העמדער, — איז וואָס קאָן דאָס שאָדן...

האָט דעם מלמדס ווייב, די מלמד'עכע געבראַכט אויף דער וועלט אַ טאָכטער אַ בת יחידקע, אַ מיידל ווי אַלע מיידלען, — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

האָט דעם מלמדס טאָכטער אויסגעוואַקסן געזונט, שיין און געראָטן ווי אויף הייוועז — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

פלעגט זי, דעם מלמדס טאָכטער פאַרביי גיין מיר, פלעגט זי שמייכלען, האָב איך צוריק געשמייכלט, — וואָס קאָן דאָס שאָדן ?...

פלעגט דעם מלמדס ווייב, שרה גיטל — האָט מען איר גערופן, מיר בעטן איך זאָל אַמאָל אַריינקומען, פלעג איך אין ווינטערדיקע לאַנגע אָוונטן דאָרטן אַריינקומען — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

פלעגט דער מלמד זיצן און קנעלן מיט די תלמידים, זיין ווייב פלעגט פליקן פעדערן פון ווייסע גענז, און זייער בת יחידקע פלעגט דער מאַמען צו העלפן פליקן פעדערן פון די גענז און צו מיר שמייכלען, פלעג איך צוריק שמייכלען,— וואָס קאָן דאָס שאָדן...

איינמאָל איז דער מלמד מיט זיין ווייב אַוועק צו איי־נעם אַ פריינט זייערן מנחם־אבל זיין, זייער טאָכטער איז געבליבן אַליין אין שטוב, איך בין אַריינגעקומען, האָט זי מיך געבעטן זיצן, האָב איך מיר געזעצט — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

איך האָב פון ווייטנס אויף איר געקוקט און זי — אויף מיר, זי פלעגט זיך אָפט פאַרויטלען, פלעג איך מיר בגנבה, זי זאָל נישט מערקן, אונטערוקן צו איר נאָענטער, — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

פלעג איך זי לייכט אַרומנעמען און צודריקן, פלעגט

זי שווייגן און ציטערן, האָב איך איר שטאַרקער אַרומגענומען און צוגעדריקט, — וואָס קאָן דאָס שאַדן...

איז גראָד אַרײַנגעקומען אַ שכנה, אַ יידענע — ווי אַלע יידענעס, און געטראָפן אונדז אין נישט קיין „קריגערישע פּויזע", האָט זי דאָס גלייך צופּויקט, פאַר אַלע ווייבער אין דער גאַס, און די ווייבער פון גאַס, האָבן דאָס אויסגעפּויקט אין דער גאַנצער שטאָט, ביז — עס האָט זיך דערטראָגן צום מיידלס פאָטער, דעם מלמד ר' אשר זרח'ן, אָבער איך האָב זיך נישט פאַרלוירן טראַכטנדיק, — וואָס קאָן דאָס שאַדן?

אַז דעם מיידלס פאָטער, דער מלמד ר' אשר זרח איז געוויר געוואָרן וועגן דעם, האָט ער מיר געמאַכט שטאַרקע פאָרוורפן און געפאָדערט, איך זאָל מיט זיין טאָכטער גיין אונטער דער חופּה, ד־האָב איך מיך אַ סך נישט אַנטקעגן געשטעלט און זיך געטראַכט: — וואָס קאָן דאָס שאַדן.

האָט מען געפּראַוועט אַ חתונה כּדת וכדין, געטרונקען לחיים און מיר געווונטשן ברכה און הצלחה, כּ'לעבן — וואָס קאָן דאָס שאַדן...

נאָך דער חתונה האָט מיין שווער מיר געגעבן אַ פּאָר חדשים קעסט: עסן און טרינקען פריי אָן אַ פּרוטה איז טאַקע — וואָס קאָן דאָס שאַדן...

שפּעטער אָבער האָט זיך מיין ווייבל אַרומגעזען, אַז זי האָט מיט מיר נישט געטראָפן, האָט זי אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן אויף איר ביטערן מזל, אָבער מיר — וואָס קאָן דאָס שאַדן!

האָט זי אויסגעפונען, אַז איך בין אַ מענטש מיט אַ שלעכטן כאַראַקטער, אַ קאַלטער לונגען-לעבער, פון קיין זאַך נעם איך זיך נישט צו פיל צום הארצן, אַז איר וויינען און קלאָגן אַרט מיך נישט, און עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, קיין פּרנסה געבער, בין איך נישט, פון נאָך דער חתונה, אפילו פון אַ ציבעלע די ווערט, נישט אַריינגעבראַכט אין שטוב, בּאַרואיק איך איר, זי זאָל זיך אומזיסט נישט אָפּעסן דאָס האַרץ, מחמת זי קאָן נאָך פאַר דער צייט אַלט ווערן, חלילה אַריינפאַלן אין אַ קרענק, אָבער מיר — וואָס קאָן דאָס שאָדן.

האָט זיך מיין שווער און שוויגער, דער מלמד מיט דער מלמד׳עכע אריינגעמישט אין דעם ענין: הלמאי איך בין נישט קיין פּרנסה געבער, אַ שלעכטער מאַן, א לא יצלח, עס זיי אָפּ די ביינער, פּייניק זייער איינציק קינד. זייער אויג אין קאָפּ,ביידע האָבן זיי מיט אַמאָל אַ סך גערעדט און געשריגן, אָבער איך — ווי נישט מיך מיינט מען, איך האָב מיר געטראַכט, פון זייערע אַלע רייד און געשרייען — וואָס קאָן דאָס שאָדן...

אָבער פּלוצלינג האָט מען מיך גענומען גאָר שטרענג, געשלעפּט מיך צום רב, איך זאָל אָפּ׳גט׳ן מיין ווייבל, איך האָב זיך געקווענקלט, אָבער באין ברירה האָב איך איינגעשטימט, און איך גיי גט׳ן מיין ווייבל, — וואָס קאָן דאָס שאָדן?...

צו וואָס צײַנער זײַנען אַלץ נוצלעך...

כ׳האָב אַ פֿריינט הייסט ער אשר גדליה, נישט קוקנדיק, וואָס זיין נאָמען איז אשר גדליה, איז ער דאָך מיר אַ גוטער פֿריינט, כ׳האָב מאַנכעס מאָל אים מער ליב, ווי מיינע אַלע אַנדערע פֿריינט, וואָס כ׳האָב. נאָר טיילמאָל איז ער אַ נודניק פֿון גאָט׳ס גנאָד, וואָס פֿאַרנודזשעט מיך — צום שטאַרבן, און אַז איך דריי זיך אַרויס פֿון אים, און פֿון זיינס אַ נודנעוואַטע פֿאָרציע אַ גאַנצער אָן קאָפּ ווייטיק, אָדער אָן חלשות, איז ביי מיר געוואָרן אַ מנהג — צו בענטשן גומל...

אָבער ווען מיין פֿריינט אשר גדליה איז נישט קיין נודניק, איז ער אינטערעסאַנט ביז גאָר, ווייל איך אים טאַקע הערן — דאַן גיט ער מיר טעמעס צו שרייבן.

אָבער פֿון מיין לעצטן געשפּרעך מיט מיין פֿריינט אשר גדליה, האָב איך לגמרי גאָרנישט געקאָנט אַרויסנעמען אויף צו שאַפֿן עפּעס ווערטפֿולעס פֿאַר מיינע לעזער. אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַר מיר גערעדט, איז נישט געווען אינטערעסאַנט

און עס האָט דאָן שטאַרק געלאַנגווייליגט, ער האָט אויסגענוצט זיין מאַיעסטעט — דעם נודניק!

מיין פריינט אשר גדליה האָט מיר דערקלערט — די פילאָזאָפיע פון ציינער.

— ציינער — זאָגט מיין פריינט אשר גדליה, זיינען נישט סתם געגעבן געוואָרן דער מענטשהייט אָן אַן אורזאַך, אָן נוצן, נישט חלילה לשם דעקאָראַציע פאַרן מויל!

פון ציינער — זאָגט ער — קאָן מען אַ סך לערנען, און זיי ברענגען אַ סך נוצן דער מענטשהייט.

— ווען נישט די ציינער וואָלטן אַ סך דענטיסטן, גאָר נישט געווען קיין דענטיסטן, מעגלעך זיי וואָלטן געווען פשוטע בעלי מלאכות, אָדער גאָר בעלי־עגלות, אָדער ווער ווייסט, וואָס זיי וואָלטן אַלץ געווען — נאָר קיין דענטיסטן נישט!

און די אַלע פאַבריקאַנטן, וואָס אַרבעטן אויס די כעמישע אויסאַרבעטונגען, די צאָן־פּאַסטעס מיט די פאַרשידנערליי שאר־ירקות׳ן, וואָלטן זיכער צו זייערע פאַרמעגנס קיינמאָל נישט געקומען, ווען נישט די ציינער, וואָלטן זיי אַלע געציען קבצנים, אביונים, דלפונים און נישט געהאַט פאַרוואָס צו קויפן אַ לאַבן־ברויט... זיי וואָלטן נעבעך געמוזט לייגן — די ציינער אויף די פּאָליצעס...

— און ווען נישט די ציינער, ביי וואָס עס זיינען באַשעפטיקט טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָלט די אָרעמקייט און אַרבעטסלאָזיקייט געווען נאָך פיל גרעסער, ווי ס׳איז.

בכלל זיינען ציינער אַ נוצלעכע זאַך, ווען נישט די

ציינער, וואָלט דאָך נישט עקזיסטירט קיין ציין־ווייטאָג, וואָס פאַר אַן אינטערעס איז אַ פאַרהייראַט לעבן — אָן ציין־ווייטאָק? ס'וואָלט דאָך געווען אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי לאַנגווייליק־חלשות! אַזוי אַז דאָס ווייב, אָדער גאָר דער מאַן כאַפּט אַ ציין־ווייטאָג, מוז איין צד שווייגן, אפילו, ווען דער צווייטער צד — זאָל שרייען אויף די ציין...

באַזונדערס פון ציינער קאָן מען זען וויפל מען איז אַלט, נאָר ביי פרויען האָט דאָס לעצטע אַ קנאַפּע פּעולה... ווייל זיי טראָגן דאָך פאַלשע ציין...

מיט ציינער קאָן מען קריצן, אפילו נישט זייענדיק קיין קינסטלער...

אָן ציינער וואָלט דאָך נישט געווען קיין ניסלעך אויף דער וועלט, ווייל מיט וואָס וואָלט מען זיי אויפגעקנאַקט? איז אַ דאַנק די ציינער האָבן מיר ניסלעך, און מיר זיינען שוין פאַראייגס קנאַקערס...

ווען ציינער זאָלן נישט עקזעסטירן, וואָס וואָלט מען געטאָן מיט ציין־שטעכער? מען וואָלט אפשר פון זיי אויס־געפּרעגלט — קאָנפיטורן?...

און ווי אַזוי וואָלט מען „אַפּלאָדירט" אַ פּרעלעגענט, אָן ציינער?...

און ווי אַזוי וואָלט מען יענעם גענומען אויף די ציי־נער, אָן ציינ־־־ר?

נאָר פאַר חזנים זיינען ציינער אַן איבריקע זאַך, ווייל זיי צוברעכן זיי במילא ביי דער עברי...

ווי איז יענעם, וואָס פאַלט אַריין אין ווייבערישע צייי־נער, דער עיקר — צווישן פעט־לייביקע...

ביי פערליבטע פּאָרלעך, זיינען ציינער אַ „סימבאָל", וואָס לאָזן סמנים פון שטאַרקער ליבע...

מיין פריינט אשר גדליה האָט נאָך לאַנג פילאָזאָפירט וועגן ציינער, גערעדט אויף דער גאַנצער פּאַרע, אַזוי, אַז איך בין געווען געניטט אים איבערצוקלאַפּן:

— אשר גדליה, אויב איר הערט נישט אויף צו האַקן מיט אייער „ציינער־פילאָזאָפיע", וועל איך זיין געצוווּנגען — צו פאַלן אין חלשות!

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צוקאָכט? — שרייט אויס מיין פריינט אשר גדליה — וואָס שרייט איר אויף מיר? — שרייט אויף די ציינער!..

נו, כ'לעבן, ווי געפעלט אייך עפּעס אַזאַ געשיכטעלע?

אויב עס האָט אייך געלאַנגווייליקט, איז עס נישט מיין שולד, נאָר מיין פריינט'ס — אשר גדליה'ס...

אַ בעל־דרשן האָט געדרשנט...

אַ שביעי של פסח, בין מנחה למעריב, בין איך אַריינגע־פאַלן אין אַ דאָרפאָנטיינער שול — אין יאָהאַנעסבורג.

איך קום אַריין אין שול, טרעף איך אָן אַ „ריידנער", אַ בעל־דרשן בלע"ז אין פולן ברען פון זיין „ספּיטש" און אַרום — אַ גאַנץ פיינער עולם.

איך האָב באַמערקט, אַז דער עולם איז עפּעס אַ באַאומ־רואיקטער, אַ צושטרייטער; אַ סך הויבן זיך פון די ערטער און פאַרלאָזן זיי, אַנדערע זענען גלאַט נערוועאיש און מורמלען אונטער דער נאָז — און אַ טייל פאַרברעננגען אין... געניצן

פונדעסטוועגן האָב איך פאַרנומען נאָענט אַ פּלאַץ צום „פּרעלעגענט", אַלס צייטונגס מענטש, טאָר מען אַזאַ געלעגנהייט אויך נישט דורכלאָזן, און איך האָב אין אַ הומאָרפולער שטי־מונג, אויפגענומען די זיסע ווערטער פון דעם „ריידנער". דער ריידנער האָט גערעדט — פאַר פייער און וואַסער, די ווער־טער האָבן זיך געקלעפּט־ווי אַרבעס צום וואַנט. ביים ערשטן אָנבליק האָט מען געקאָנט זעען, אַז מען האָט פאַר זיך אַ גאַ־

ליציאַנער טיפּ, — אַ טיפּ פון טיפן לאַנד. אַן אויפגערעגטע שטימונג האָט געהערשט צווישן די צוהערער, דער גרעסטער טייל פון עולם האָט זיך שטאַרק געלאַנגווייליקט, אָבער דער ריידנער אַליין האָט דאָס נישט באַמערקט און נישט געוואָלט באַמערקן, נישט געפילט די אַרומיקע שטימונג, ענטוזיאַסטיש מיט רביש׳ער התלהבות האָט ער געמאָלן מיט ווערטער, ווי אַ ווינט־מיל, און פון גרויס הנאה זיך צעשמייכלט, די פּאַטשיילע האָט אויך אַ סך מיטגעהאָלפן צום „ספּיטש״, אויב זי איז נישט געגאַנגען פון קעשענע צו קעשענע, האָט זי ווילד אַרומגעטאַנצט אַ קאַראַהאָד איבערן „ריידנערס״ פּנים — וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט — אַ שוויץ־באָד.

פון די „פּערלדיקע״ ווערטער און תורה־פּסוקים, האָט דער עולם אָדער געלאַכט, אָדער געשטשירעט מיט די ציינער...

איבערצוגעבן אַלץ וואָס דער „ריידנער״ האָט גערעדט, בין איך נישט אימשטאַנד, דער ריידנער האָט אַ סך גערעדט, נאָר וואָס — ווייס איך נישט. נישט נאָר איך ווייס נישט, נאָר דער גאַנצער עולם ווייסט נישט, און אפילו דער ריידנער אַליין, ווייסט אויך פון הענט און פיס — וואָס ער פּלאַפּלט, פאַר אַ סך איז דאָס געווען אַ גרויס אָפּקומעניש און פאַר אַנדערע — אַ פריילעכע רעוויע־שפּיל, און איך האָב דאָס טאַקע אַזוי אויפגענומען — און זיך נישט שלעכט פאַרברענגט...

כדי מיינע לעזער זאָלן האָבן ווענן דעם אַלעם געשעענעם אַ שטיקל באַגריף, האָב איך באַשלאָסן צו געבן אַ קורצן אויסצוג פון דעם „ספּיטש״ — און אָט איז ער:

רײדנער: — „רבותי, פאַרוואָס זאָלט עטך מעך נישט לאָזן רײדן, ענקערע רײדנערס דאָרט וואָס רײדן פון די מעשה־ביכלעך, זײנען בעסערע רײדנערס פאַר מיר? באשר זײ זענען חמורים־קעפּ, אָקסן, בהמות רחמנא ליצלן! און פון וואַנען האָבן זײ זיך אויסגעלערנט רײדן? אַלץ פון אונזערע הײליקע ספרים: פון אונזערע גמראות, פון אונזערע צדיקים און חכמים האָבן זײ דאָך דאָס גענאַשט. טאָ פאַרוואָס קומט זײ יאָ אויסצוהערן— און מעך נישט?!"

אַ שטים פון עולם: — אראָפּ! קוואַטש! זאָל מען בעסער דאַוונען מעריב!

רײדנער: — יידן! רבותי! צו וואָס האָט עטך זיך צו יאָגן, עס איז דאָך הײנט יום טוב! דער יום טוב פון באַפרײאונג. מיר דאַרפן זיך דאָך משמח זײן הײנט וואָס מיר זענען אויסגעלײזט געוואָרן פון פּרע׳ן און פון די מצרים. יאָגט ענק נישט, עך יאָג זיך אויך נישט, כ׳האָב ענק אַזוי פיל צו זאָגן און צו דערצײלן און עטך שטערט מיר. וואָס דאַרפט עך מער מײן ווײב חיה׳לע, זי זאָל בקרוב זײן אין גן־עדן, זי איז דאָך אַ אשת־חיל און אַ מײסטערקע אויפן פּיסקל, פונדעסטוועגן שטערט זי מיר אויך נישט צו רײדן, עך קאָן רײדן און רײדן! — און עטך? עטך זענט דאָך עפּעס זכרים, מענטשן! פאַרוואָס־זשע לאָזט עטך מעך נישט רײדן, אַז עטך וועט מיך לאָזן רײדן — וועל עך רײדן, עך האָב אַזוי פיל צו דערצײלן פון אונזער הײליקע תורה, יאָ וועגן תורה, אָבער ווײ־און־ווינד וואָס מען קאָן שוין רײדן אין דעם לאַנד — בדרום אַפריקע פון תורה?! בײ אונז

אין גאַליציע איז תּורה — תּורה! יעדער ייד גייט אין מקווה און טראָגט אַ שטריימל, און דאָ בדרום אַפריקע, וואָס איז דאָ — און ווער איז דאָ? עך מוז ענק זאָגן רבותי, עטץ זענט גרויסע עמי־הארצים! פּראָסטאַקעס שבפּראָסטאַקעס! צי קען ענקערס אַ קינד כאָטש אַ בלאַט גמרא? צי קען ענקערס אַ קינד אַ פּרשה חומש, אַביסל רש״י? וואָס קענען דען ענקערע קינדער? זיי זענען דאָך אַלע ענקערע קינדער, קראַנק אויף די פיס! עך מיין, אַז זייערע פיס זענען אָנגעשטעקט מיט ספּאָרט ימח שמו. אָבער אַ קינד פון יענער זייט ים — איז אַ נחת, אָט מיין אייגן יינגל, מיין חיימ׳ל, מיין קדיש׳ל, ער זאָל זיין מיט יאָרן, איז ערשט געוואָרן ראש חודש כסלו אַכט יאָר, זאָג עך ענק, אַז דאָס איז נישט קיין קינד — נאָר אַ בריליאַנט! אַ תּלמיד־חכם! ער זאָגט אַ בלאַט גמרא מיט אַ פּרשה חומש און רש״י, האָט מען דערפון אַ גייסטיקן פאַרגעניגן, ווי זאָל עך דאָס אָפּמשל׳ן — פּונקט ווי פון אַ פעטן טשאָלנט! ער פרעגט מעך אַזעלכע קשיות, אַז עך ווייס אים גאָרנישט — אויף זיי צו ענטפערן!״

ריידנער: — רבותי, לאָמיר זעך נישט נאַרן, עך ווייס דאָך ווער עטץ זענט. עטץ זענט, עטץ זענט גראָבע יינגען, פּראָסטאַקעס, גאָרנישטן! צו זע עך דען צווישן ענק דאָ, כאָטש איין רבי? כאָטש איינעם אין אַ זיידענע זשופּיצע, צי אין אַ שטריימל? איי, וועט עטץ זאָגן, אַז עטץ זענט יידן אינעווייניק, וועל עך ענטפערן, אַז מען דאַרף צו זיין יידן אויסנווייניק, דאָס הייסט, אַז עטץ דאַרפט טראָגן בערד און פּאות, וואָס

אינעווייניק עס טוט זיך זעט קײנער נישט און אַ באָרד און פּאות זעט יעדער — אפילו אַ קורצזיכטיקער!

ריידנער: — „רבותי, וואָס איז דען מישטיינסגעזאָגט דער מענטש?! אדם יסודו מעפר וסופו לעפר, אז מען שטאַרבט נישט ווי קיין ייד, ווערט מען באַגראָבן ווי אַ הונט!"

„רבותי, הויבט ענק נישט אויף פון די בענק, עך האָב נאָך אַ פּאָר ווערטער צו זאָגן, עך וועל דאָס מאַכן בקיצור, עטץ הערט — בקיצור! עך וועל מקצר זיין ענק, עך וועל ענק קורץ זאָגן אין וואָס מיין שליחות צו ענק איז, און וואָס פאַר אַן אויפגאַבע עך האָב, עך בין געקומען זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה אין טשיפּיטשא און עטץ מחלל שבתניקעס דאַרפט געבן געלט, עטץ דאַרפט זיך אויסקויפן פון ענקערע זינד, ווייל אונזערע הייליקע תורה זאָגט: (מיט אַ גמרא ניגון) צדקה תציל ממות! — — —".

שטימען פון עולם: — אַראָפּ, אַראָפּ! זאָל מען דאַווענען מעריב!!!

— ברכו את יי! — — —

ריידנער: — „וואָס עטץ לאָזט מעך נישט ענדיקן, איז נישט, דאַרף מען נישט, עך בין אַ מענטש, וואָס וועל זעך נישט איינרייסן: נישט איז נישט! זאָל השם יתברך געבן ישועות ונחמות, מיר זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות — לשנה הבאה בירושלים, אמן ואמן!"

צרות פון א שרייבער

עס איז געווען אין א שיינעם נאָכמיטאָג ווען איך בין געזעסן ביי מיין שרייב-טיש. געטרונקען געלאַסן זיך אַ גלאָז טיי מיט לימענע און בעת מעשה געטראַכט וועגן אַ קאַפּיטל — פאַר מיין אָנגעשריבענעם פעליעטאָן.

מיט אַ מאָל טוט זיך אַן עפן די טיר און עס פאַלט אריין, שטארק צוקאָכט א געלער ייד, זיינע אויגן ברענען ווילדע, זיי מאַכן דעם איינדרוק — אַז אָט אָט שפּרינגען זיי פון זייערע לעכער אַרויס, זיין געלע קאָלטענעוואַטע באָרד, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטיק פייער, האָט געציטערט אַזש פאַר אויפרעגונג, ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט נענטער און מיט אַ פעסטער שטימע שטרענג זיך געפרעגט:

— וווינט דאָ דער וואָס שרייבט אין גאַזעט?

— יאָ, דאָ וווינט ער, וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָב איך געפרעגט דעם געלן ייד קאַלט.

— קאָן איך אפשר אַליין אים זעען, דעם ימח שמו!

קאָן איך אפשר אַליין מיט אים האָבן די זכיה צו ריידן, מיט דעם עוכר-מחוצפ'ניק, דעם פּאַסקודניאַק?!

אַז איך האָב דערהערט אַזעלכע דיבורים, אַזאַ „לעקסי-קאָן", האָב איך זיך שטאַרק איבערגעשראָקן, איך בין געבליבן אַביסל צוטומעלט, באַלד האָב איך גענומען זוכן פּלענער, ווי אַזוי זיך צוראַטעווען פון דעם צופייערטן געלן ייד. עס איז מיר אַדורכגעלאָפן אין איין רגע, אָן אַ שיער געדאַנקען און פּלענער, אַגב נישט קיין זיכערע, אָבער איך האָב זיך נישט פאַרלוירן און געלאַזן, אַז דער געלער ייד זאָל זיך נישט כאַפּן, צו אים אָפּגערופן:

— ליידער איז ער נישטאָ, נעכטן איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג צו אַ קוזינע?...

— צו אַ קוזינע איז ער געפאָרן? — צוקאָכט זיך דער געלער ייד נאָך שטאַרקער און ווערט אַזש אינגאַנצן ווי אַ שטיק פייער, און שטשירעט אויס צווישן די ציינער מיט גיפט; — דער צוג זאָל מיט אים אַראָפּ פון די רעלסן, אַ דונער זאָל אים אַוועקלייגן, אַזאַ פּושע יש-אל, אַזאַ לאַכדראַק, אַ גאָר-נישט שבגאָרנישט נעמט אַ טאָטן פון דערוואַקסענע טעכטער, מיידן וואָס זיינען שוין ראוי צו זיין מאַמעס — און באַשרייבט אים אין די גאַזעטן, געהערט אַזאַ הפקרות, אַזאַ חוצפּה? זיין גליק, וואָס ער איז נישטאָ דאָ איצט, קרעפּל-פלייש וואָלט איך פון אים געמאַכט, אַ באַרג אַש! געהערט? אַן איינפאַל פון אַ משוגענעם. באַשרייבן גאָר אין די צייטונגען, די גאַנצע וועלט זאָל שפּאָטן און חוזק'ן! אַזעלכן דאַרף מען עוקר-

מין־השורש־זיין; זיין גליק איז, וואָס ער איז דאָ נישטאָ, איך מעגט אים איבערגעבן, דעם שיינעם מענטש, דעם „יענ־טילעגענט״, אַז ער וועט זיך אויסריכטן ביי מיר א שוואַרץ יאָר, אַ פינסטערן גזר־דין, שוואַרץ שבת וועל איך אים מאַכן!

איך בין געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. עס איז מיר אַדורך איין שוידער דורך דעם צווייטן איבערן לייב — און אין געהיים, שטיל, אַז דער געלער ייד זאָל נישט באַמערקן — האָב איך געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און דאָס האַרץ איז מיר שיער נישט פאַר שרעק אַרויסגעשפּרונגען.

דער ייד האָט אַרויסגענומען אַ בלאַט־צייטונג און מיר אונטערגעשטופּט!

— נאָט, זעט וואָס ער האָט געשריבן!

— יאָ, ווייזט נאָר אַקאָרשט, — האָב איך זיך געמאַכט תּמ׳עוואַטע, — ווייזט, איך בין טאַקע טשעקאַווע!

איך האָב גענומען ליינען. מיין אייגנס אַ פעליעטאָן, וואָס איז געווען געדרוקט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק: וועגן אַ גבאי אַ געלן ייד, מיט אַ געלער באָרד מיטן נאָמען — חיים־יונה, וואָס האָט פאַרכאַפּט קהל׳שע געלט און אין אויגנבליק איז מיר אַלץ געוואָרן קלאָר: היות ווי דער ייד איז אויך אַ גבאי ערגעץ אין אַ קאָנגרעגיישן, פון דער נאַטור אַ געלער מיט אַ געלער באָרד — דערצו נאָך מיטן זעלבן נאָמען: חיים־יונה, איז נישט אַנדערש, ווי נאָר אים מיינט מען און ער איז דערפון שטאַרק געטראָפן געוואָרן, יעדער האַלט אויף אים אין איין קוקן, ער שעמט זיך צו ווייזן פאַר מענטשנס אויגן,

ער קאָן נישט אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער שיין קאָן ער נישט, דערצו איז ער אַ ייד, וואָס איז באַוואָרפן מיט בוגרות׳ן— און האַלט ביי טון שידוכים...

איך האָב געזען, אַז דער ייד געפינט זיך באמת אין אַ געפּענטערטער לאַגע, אַז ער האָט באַלד רעכט, וואָס ער בייזערט זיך, איך האָב אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי אַזוי דעם ייד אַרויסצודריי׳ען פון דער פאַרקאָכטער קאשע — וואָס איך האָב אליין פאַרקאָכט...

האָב איך צו אים געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס ר׳ ייד, איך וועל זאָגן „יענעם״, דעם שרייבער פון דעם פעליעטאָן, אַז ער זאָל געבן אַן ערקלערונג אין דער צייטונג, אַז דאָס מיינט ער נישט אייך, נאָר יענעם, יענעם גבאי — דעם אמת׳ן, וואָס האָט פאַרכאַפּט קהל׳ס געלט!

— וואָס? האָט זיך ווייטער אין ברען צופייערט דאָס יידל, — פון וואַנען וועט מען דאָס וויסן, אַז מען מיינט דאָס יענעם — און נישט מיך? ניין, איך בין אים מוחל זיין ערקלערונג, איר מעגט אים איבערגעבן—אַז זיין לעבן הענגט אים אויף אַ האָר! —

און ער איז אַרויס פאַרקלאַפּנדיק אונטער זיך די טיר מיט אַזאַ קראַפט — אַז דער טינטער אויפן שרייב-טיש האָט זיך דערשראָקן און איבערגעקערט, איבער די בייגעלעך פּאַפּיר פון מיין אָנגעשריבענעם פעליעטאָן...

ער איז אן אומגליקלעכער...

כאַפּט מיך אמאָל אָן מיינער אַ פריינט און הויבט פאַר־מיר אָן צו קלאָגן:

— איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש בין איך, אַזאַ אומגליקלעכער ווי איך בין איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ! איך בין אַ מענטש אָן מזל און אָן גליק, איך האָב נישט באַ־דאַרפן געבוירן ווערן, האָב איך נישט באַדאַרפן, איך האָב נישט צו וואָס צו לעבן, און וואָלט איך נישט געלעבט וואָלט איך געווען גליקלעך, וואָלט איך געווען!..

— איך זע, דו הויבסט מיט די אַקסלען, — רייד מיין פריינט, — דו קוקסט אויף מיר, ווי אַ האָן אין בני אדם, איך וועל דיר וועגן דעם אַלעם מאַכן קלאָר און דו וועסט מיר פאַרשטיין און מיר מיטפילן אין מיין גרויסן אומגליק!...

איך בין געבליבן אַביסל ערנסט און זיך צוגעהערט צו־מיין פריינטס אומגליקלעכע געשיכטע.

איך בין „אינשורט" שוין אַ לענגערע צייט, — האָט מיין פריינט פאָרגעזעצט: — איך בין אינשורט אין אַ גרויסער אינ־

שורענס-געזעלשאַפט, פאַר טרעפן מיר פאַרפאַלן אין גאַס — צו בײַ דער אַרבעט, איך צאָל אַוועק אַ „פאַטשן" מיט געלט, צאָל איך, אָבער װי צו להכעיס, געשעט מיר גאָרנישט. נישט בײַ דער אַרבעט און נישט אין גאַס, נישט קײן אויטאָמאָביל פאָרט מיך איבער, און נישט קײן מאַשין אין פאַבריק טוט מיר עפּעס בײַ דער אַרבעט, עס זאָל כאָטש עפּעס געשען, עס זאָל מיר כאָטש אַ מאָטאָרציקל אימוואַרפן!... איז גאָרנישט! איך האַלט אין אײן אַוועקצאָלן אומזיסט געלט און עס געשעט גאָרנישט, איך בין אַ אומגליקלעכער מענטש בין איך!

— אָט יענע וואָך האָט מײן שכן צעבראָכן אַ פוס שפּרינגענדיק פון טראַמוויי, אַ גליקלעכער מענטש מײן שכן, איז ער אָבער נישט אינשורירט, דער בטלן! און איך, איך בין אינ־שורירט. צאָל אַוועק אַלעמאָל אַ „פאַטשן" און גאָרנישט! איך שפּרינג אַלעמאָל פון טראַמוויי — אפילו אין גרעסטן גאַנג, און אַ נעכטיקער טאָג, עס געשעט גאָרנישט, איך האָב קײן מזל נישט, איך בין אַ אומגליקלעכער מענטש, בין איך!

— מײנעם אַ באַקאַנטן, — רעדט װײטער מײן פרײנט,— האָט אַ לאַסט-אויטאָמאָביל איבערגעפאָרן און אים צובראָכן די לינקע האַנט, ער איז אויך נישט אינשורט — דער אידיאָט! און איך, איך בין אינשורט און צאָל אַוועק אַ „פאַטשן", גע־שעט מיט מיר גאָרנישט; נישט קײן לאַסט-אויטאָמאָביל פאָרט מיך איבער, אפילו קײן רײט-וואָגן נישט, פונקט װי איך וואָלט פאַר זײ געווען טריפה!

— יענע וואָך — רעדט אין ברען מײן פרײנט, — בין

איך געגאַנגגען אין גאַס, איז פון אַ באַלקאָן אַרונטערגעפאַלן אַ בלומען־טאָפּ און געטראָפן אין קאָפּ – נישט מיר... נאָר איינעם, וואָס איז געגאַנגגען לעבן מיר, און מיט אַ צושפּאָל־טענעם קאָפּ, האָט מען יענעם, נישט חלילה מיך, אָפּגעפירט אין האָספּיטאַל — אַזאַ מזל פון אַ מענטשן, אַזאַ גליק! איך האָב זיך גענומען דרייען אויף דעם זעלבן אָרט, אפשר דריי שעה – אפשר וועט מיר אויך געשען אַזאַ נס, אפשר וועט מיר אויך, ווי יענעם איינעם, אַרונטערפאַלן אַ בלומען־טאָפּ אין קאָפּ, אָבער צו להכעיס מיר, זיינען מיר קיין בלומען־טעפּ נישט געפאַלן, אַזאַ אומגליקלעכער מענטש, ווי איך בין! אַ מענטש זאָל אַזוי נישט גיין, ווי מיר גייט!...

ווען די רויט-גרינע לעמפּלעך אין די גאַסן, ווייזן אויף נישט צו גיין, גיי איך דאַן עקסטרע, אָבער אויף מיין אומגליק, פאָרט קיינער נישט אָן, אַ סך מאָל דריי איך זיך אי בער די וועגן, ווו עס איז די גרעסטע באַוועגונג, איך גיי לאַנגזאַם זיך, דורך דער ברייט פון וועג און לעז מיר אַ ציי טונג... אָבער ווי צו להכעיס, דרייען זיי זיך פון מיר אַוועק און מיידן מיך אויס, און איך גיי אַרויס, צום אומגליק אַ גאַנצער!

— און טרעפט שוין אַמאָל, איך זע אַז, אָט, אָט פאָרט אַרויף אויף מיר אַן אויטאָמאָביל. איך ווער בשעת-מעשה, גאָר אַן אַנדער מענטש, ווער איך, מיין האַרץ צעגייט זיך פאַר תענוג!... איך מאַך אַזש צו די אויגן פאַר פרייד און עס שוועבן פאַר מיר זיסע געדאַנקען: אָט, אָט און עס וועט

געשען, מיין שלים-מזל, וועט מיך שוין מער נישט פאַרפאָלגן, איך וועל ווערן אַ גליקלעכער מענטש, וועל איך ווערן. איך שטיי אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן און וואַרט... וואַרט, און קאָן זיך נישט דערוואַרטן, מיין האַרץ קלאַפּט מיר: אָט, אָט, נאָך איין מינוט, אַ סעקונדע, און עס וועט געשען!... קאָן איך זיך אָבער נישט דערוואַרטן, און איך עפן אויף לאַנגזאַם מיינע אויגן און צום אומגליק דערזע איך: — דער אויטאָמאָביל האָט געסטאָפּט פאַר מיינע פיס, איך בין אַ פאַרשעמטער, אַן אָפּגעשאָסענער אוועק!

— און דאָ — קלאָגט ווייטער מיין פריינט, — די צייט ביים, איך האַלט אין איין צאָלן און עס געשעט גאָרנישט מיט מיר, אָבער לחלוטין גאָרנישט! איך פיל, אַז איך וועל דאָס נישט איבערהאַלטן, איך וועל באַקומען אַ האַרץ-פעלער, אוי, הלוואי וואָלט איך כאָטש אַ האַרץ-פעלער באַקומען, — איז דאָס אויך נישט, איך בין, נישט פאַר דיר געדאַכט אַן אומ-גליקלעכער מענטש, בין איך! איך בעט דיך, אפשר ווייסטו, גיב מיר אַן עצה, וואָס טוט מען?

איך האָב מיין פריינט אויסגעהערט זיין „אומגליק" און זיך געטראַכט: ער איז נעבעך געווירט אויפן „זייגער", און מורא באַקומען לעבן אים צו שטיין, האָב איך אין גרויס שרעק צו אים זיך אָפּגערופן:

— די געשיכטע איז טאַקע „טרויעריק", אָבער איך האָב פאַר דיר אַן עצה, איך וואָלט דיר געראַטן, אַז... דו זאָלסט זיך אינפאָרמירן אין דער אינשורענס-געזעלשאַפט צי — זיי צאָלן אויך אויס פאַר משוגעת אַטאַקן...

צווײ פּאַרטרעטן

דער מענטש צו וועמען דער מזל שמייכלט

אַלעמאָל איז ער אין אַ גוטער שטימונג — לוסטיק און פריילעך, זיין פרוי – אין דער זעלבער שטימונג, קומט אים אנטקייגן אַ שמייכלענדיקע מיט זיסע זאַפטיקע רייד — פול מיט ליבע.

ביי דער אַרבעט האָבן אַלע צו אים דעם גרעסטן צוטרוי און רעספּעקטירן אים, דער בעל הבית לויבט אים פאַר אַלעמען אַלס גוטער געטרייער אַרבעטער — און יעדן מאָנאַט גיט ער אים אַן הוספה צו זיין געהאַלט.

יעדן מאָנאַט טראָגט ער אַוועק אַ ביסל אָפּגעשפּאָרטע געלט אין באַנק און עס פעלט אים אויך צו פּראָצענט.

די ווייב איז נישט קיין אויסברענגערן, נישט קיין שלאַנדערע — פירט אַ באַשיידן הויז און פאַראַט אים נישט.

צוויי קינדערלעך אויסגעוואַקסענע ווי געראָטענע לאַלקעס— שטענדיק געזונטע און פריילעכע שטיפן זיי, וואָס גיט אונזער העלד צו אַ סך מונטערקייט און ליבע צו זיין היים.

אין קאָרטן שפּילט ער זעלטן, נאָר דאַן ווען מען שלעפּט אים צום „טיש", לאַנג שפּילט ער נישט און אַלע־מאָל גייט ער אַוועק מיט אַ פולן טייסטער געלט, וואָס רופט אַרויס בײַ די איבעריקע אַ קנאה.

טרינקען, טרינקט ער נישט, נאָר, אַז ער טרעפט אָן אַ פרײַנט, בעט ער אים אַרײַן אין אַ באַר און שטעלט אַ לחיים, אָבער ווען ער נעמט זיך צו באַצאָלן, כאַפּט זיך יענער פליג־קער צו דער קעשענע און לאָזט אונזער העלד, צו וועמען דער מזל שמייכלט — נישט באַצאָלן...

פאָרנדיק אין טראַמוויי טרעפט אויך אַלעמאָל, אַז אַנדע־רע צאָלן פאַר אים — און נישט ער פאַר יענע.

איינמאָל איז אים געשען אַ שטיקל צופאַל — מען האָט אים באַגנבעט: האָט מען אים אָבער אַרויסגעגנבעט אַ פּאָר אַלטע צעריסענע הויזן — פאַר וועלכע ער האָט שוין לאַנג געזוכט אַן אָרט, ווו זיי אַרויסצוואַרפן...

און נאָך אַ צופאַל איז אונזער העלד געשען: ער איז אַרײַן צו איינעם וועגן עפּעס אַן ענין, און אַ בייזער הונט איז אויף אים אַרויף, שטאַרק אים איבערגעשראָקן — און דערבײַ אים אויסגעריסן אַ שטיק פון די הויזן. האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, אָנגעקלאָגט יענעם אין געריכט, פאַר־פירט געגען יענעם אַ פּראָצעס פאַר לאָזן אַרומגיין פראַנק און פרײַ אַזעלכע בייזע רוחות, אַזעלכע ווילדע הינט וועלכע זיינען שעדלעך פאַרן פרידלעכן מענטש און געבעטן דאָס גע־ריכט, צו צופּסקענען פאַר אים אַנטשעדיקונג אַ פּאָר הונדער־

טער. דאָס געריכט האָט טאַקע אַזוי צוגעפּסקענט און יענער האָט נעבעך אויך געמוזט דאָס באַצאָלן צו אונזער העלד. הגם ער האָט מער נישט געליטן — ווי אַ לאַטע אויף די הויזן, וועלכע דאָס ווייב האָט אים אַריינגענייט...

איינמאָל איז געשען נאָך אַ שטיקל טרויריקער צופאַל מיט אונזער העלד, אָבער ווען דאָס מזל שמייכלט צום מענטשן— איז דאָך נישט שייך, איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך, און די טרויריקסטע געשעעניש איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך און פאַר־ענדיקט זיך צום גוטן...

איינמאָל איז אונזער העלד קראַנק געוואָרן זייער ערנסט, אַזוי, אַז מען האָט אים געמוזט אַוועקנעמען אין שפּיטאָל, האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז ער מוז האָבן אומ־באַדינגט אַן אָפּעראַציע, ווארטן טאָר מען נישט — יעדע מינוט איז טייער.

האָט מען אָנגעהויבן צוצוגרייטן דאָס אָפּעראַציע־שטיבל, די כירורגן האָבן אָנגעטאָן ווייסע קלאָרע פאַרטיכער און באַ־פוילן — ברענגען דעם קראַנקן.

אין גרויס איילעניש זיינען די שוועסטער אַוועק ברענ־גען דעם קראַנקן, און דערביי געמאַכט אַ קליינעם טעות — אָנשטאָט אונזער העלד, האָבן זיי געברענגט אַ שכנותדיקן מאַנסביל, אויך אַ קראַנקן, יענער האָט זיך געוועהרט: געוואָלט עפּעס ריידן, דערקלערן, אָבער דער כלאָראָפאָרם האָט אים באַלד צוטומעלט און אים איינגעשלעפערט...

צום מעת לעת איז יענער פון דער אָפּעראַציע געשטאָרבן און אונזער העלד איז אַרויס אַ געזונטער.

אָט דאָס איז ווען דער מזל שמייכלט צום מענטשן...

דער מענטש וועמען דער שלימזל פאַרפאָלגט

אונזער צווייטער העלד, וואָס שפּילט אַ טרויעריקע ראָלע אין זיין לעבן, דער מענטש וועמען דער שלימזל פאַרפאָלגט איז פון דער נאַטור אַ קלײנינקער, אַ דינינקער — שטענדיק פאַרצערט און טרויעריק — זיין פּנים און געשטאַלט רופט אַרויס מאַטעריאַל צום — שפּאָסן.

ער איז פאַרהייראַט, זיין ווייב איז דער היפך פון אים: הויך, געזונט — און אַ בריה: זי ברענגט אים אַלע יאָר — אַ ניי געבוירן קינד... און אַזוי ווי אונזער העלד איז נישט מער, ווי דרייצן יאָר פאַרהייראַט — האָט ער סך-הכל דרייצן קינדער — און צווישן אַלע דרייצן קינדער, איז נישט פאַראַן קיין איין זכר, אָט אַזאַ „בר-מזל״ איז אונזער העלד...

די קינדער זיינען איינס קלענער פאַרן צווייטן — און קרענקליכער איינס פאַרן אַנדערן, ווען זיי זיינען געזונט שלאָגן זיי זיך און רייסן זיך אַרום פאַר די נעזלעך, און ווען זיי שלאָגן זיך נישט און רייסן זיך נישט אַרום פאַר די נעזלעך— זיינען זיי קראַנק און דאָקטוירים זיינען אָפטע אַריינגייער...

דאָס ווייב איז אַ שלאַנדערכע, קאָן נישט פירן קיין

הויז, דאָס אײינציקע וואָס זי קאָן פירן איז — רכילות און פלאָטקעס...

דער טומל פון די קינדער און די „גוטע ווירטשאַפט" פון דער פרוי, טרייבט אונזער העלד פון זיין היים, כאַפּט ער זיך אַריין צו אַ גוטן פריינט, אַ שכן — און כאַפּט זיך אויך צו צום טישל קאָרטן, נעמט אַ האַנט און דער מזל „גילט" אים, אַזוי אַז אַלעמאָל גייט ער אַוועק — אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה..

אין פאַבריק וואו ער אַרבעט בעקומט ער נישט מער, ווי פיר מאָל אין חודש „נאַטיס", און אויב עס איז דאָ אַ פינפטער פרייטיק אין חודש – באַקומט ער פינף מאָל אין חודש נאַטיס, נאָר אַ דאַנק זיין פרוי מיט די דרייצן קינדער, וועלכע לייגן אַוועק פאַרן בעל הבית אַ היבשע פאַרציע טרערן און געבעט — בלייבט דער מאַן ווייטער אַרבעטן, ביז דער קומענדיקער נאַטיס...

אַלע אַרבעטער אין פאַבריק שפּאַסן און חוזק'ן פון אים און טראָגן אונטער דעם בעל-הבית רכילות אויף זיין אַדרעס...

גייט ער אין גאַס פלאָנטערט ער זיך אַלעמען אונטער די פיס, אויב ער טרעט עמיצן נישט אָן אויף די הינער אויגן — טוט יענער דאָס אים...

פאָרט ער אין טראַמוויי, טרעפט אַלעמאָל, אַז ער טרעפט אָן באַקאַנטע, פאַר וועלכע ער מוז צאָלן פאַר בילעטן...

בעט עמיצער אים אויף אַ גלאָז ביר און יענער נעמט זיך באַצאָלן, טרעפט שטענדיק, אַז יענער האָט פאַרגעסן

דאָס געלט אין דער היים אָדער האָט דאָס פאַרלוירן, און אונזער העלד װעלכער װערט פאַרפאָלגט פון שלימזל — מוז צאָלן...

הגם ער איז אַן אָרימאַן און עס איז נישטאָ פון אים װאָס צוצוגנבענען, האָבן זיך דאָך גנבים אויף אים פאַרלעגט און אים איינמאָל צוגענומען די איינציקע פאָר הויזן, האָט ער נעבעך געמוזט זיצן במחילה אין די אונטער־װעש און װאַרטן אויף א צװייטע פאָר הויזן...

און אַז דער שלימזל פאַרפאָלגט — איז דאָך נישט שייך! גייט איינמאָל אונזער העלד אַריין אין אַ הויף, לויפט אים אַנטקעגן אַ בייזער הונט און צעבייסט אים אַ שטיק פון גראָבן פלייש... לויפט אונדזער העלד אװעק צו אַן אַדװאָקאַט און פאַרפירט געגען דעם אייגנטימער פון הונט אַ משפט, האָט אָבער אונזער העלד דעם משפט פאַרשפּילט, װייל עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז די שולד איז זיין אייגענע — װייל עס האָט ויך געפונען אַ װאָרנונג: „היט זיך פאַרן הונט!" און ער האָט נאָך געמוזט באַצאָלן דעם אַדװאָקאַט און פאַר אַלע געריכט־קאָסטן...

איינמאָל האָט צו אונזער העלד דער מזל געטאָן אַ װינק: אַ רייכער פעטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט אָבגענומען אַ גרויסע ירושה, האָט ער נישט געװאוסט װאָס מען טוט מיטן געלט, מאַכן מסחרים, טאָמער פאַרלירט ער דערביי דאָס געלט? ער איז דאָך, לא עליכם אַ לא יצלח, האָט ער דאָס געלט דערװייל אַריינגעלעגט אין אַ באַנק, שפּע־

טער האָט מען פון אים געחוזקט און געווייצלט זיך, פאַר וואָס ער האָט דאָס נישט, דאָס געלט אָפּגעפאָטאָגראַפירט, ווייל די באַנק איז קורץ נאָכדעם געגאַנגען באַנקראָט...

לעצטנס איז אונזער העלד קראַנק געוואָרן, האָט מען אים געגומען אין שפּיטאָל, אָפּליגנדיק אַ פּאָר טעג, האָט ער זיך שוין געפילט בעסער – אויפן צווייטן טאָג האָט מען אים שוין געזאָלט אויסשרייבן — זיינען צו אים שנעל צו צוויי שוועסטער, אים אַרויפגעלייגט אויף אַ פעלד-בעטל און אים אַוועקגעטראָגן אין אָפּעראַציע-שטיבל, און איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו ריידן האָט ער שוין זיך געפונען אונטערן כלאָראָפאָרם-שלאָף...

נאָך דער אָפּעראַציע האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן טעות — אָנשטאָט צו אָפּערירן אַ שכנותדיקן קראַנקן האָט מען אים אָפּערירט...

אָט, אַזוי פירט זיך, ווען דער מענטש ווערט פאַרפאָלגט פונם שלימזל...

גערּאַטעװעט פון דער תּליה!

דערציילט מיר אַ ייד אַזאַ געשיכטע:

ווי איר ווייסט, בין איך אַ ייד אַ ביזנעסמאַן, און אָפּט קומט מיר אויס, צוליב פאַרשידענע ביזנעס־אָנגעלעגנהייטן, צו באַזוכן אַ באַנק־הויז, און אָט צוליב מיינס אַ באַזוך אין באַנק איז מיין לעבן שוין קיין שמעק טאַבאַק נישט ווערט געווען. אַזוי, אַז איך האָב זיך שוין געפונען אויף דער תּליה — און אָט, אָט, האָט מען שוין געזאָלט פאַרציען דאָס שטריקל איבער מיין האַלז...

איך וועל אייך דערציילן באריכות:

אַנומעלטן בין איך אַריין אין אַ באַנק, ווי אַלעמאָל, כדי צו ערלעדיקן מיינס אַ ביזנעס־ענין, ווען איך האָב זיך געפונען אויף די טרעפּ וואָס פירט צו דער טיר פון דער באַנק, און אָנגעהויבן גרייטן זיך צו עפענען איר, האָט זי זיך פלוצלינג געטאָן אַ פראַל אויף מיט שטורם — און עס האָט פאַר

מיר אַדורכגעשוועבט, עפּעס אַ געהיימניספולע געשטאַלט — און שנעל אויף אַ זייט אַוועקגעוואָרפן אַ בלאַנקנדיקע ניקל-שטיק. איך האָב זיך צוגעלאָזט נענטער צו באַטראַכטן דאָס — עס איז געווען אַ רעוואָלווער!

איך האָב געוואָלט אַנטלויפן אָדער מאַכן אַ געוואַלט. איך האָב אָבער זיך אין יענעם מאָמענט געפילט זייער שוואַך, דאָס מויל איז מיר געוואָרן פאַרשלאָסן, דאָס לשון כמעט אָפּגענו-מען, די פיס זיינען מיר געבליבן ווי געליימטע — איך האָב קיין טריט נישט געקאָנט טון...

דערווייל איז געוואָרן אַ שרעקלעכער טומל: די טעלע-פאָנען פון באַנק האָבן געקלינגען און גערופן הילף. באַלד טאַקע איז אָנגעקומען פּאָליציי און דעדעקטיוון. אויפן ערשטן בליק האָבן זיי אָנגעטראָפן מיך אַ שטאַרק צעטומעלטן און לעבן מיר — דעם רעוואָלווער.

גלייך אויפן אָרט האָבן זיי מיר אָנגעטאָן קייטעלעך אויף די הענט, אָננעמענדיק מיך אַלס דעם מערדער — און אָפּגע-געפירט מיך אין תפיסה...

ביי דער אויספאָרשונג האָב איך געגומען באַווייזן, אַז איך ווייס פון גאָרנישט, אַז איך בין אומשולדיק, אַז איך בין געפאַלן אַ קרבן צוליב אַ מיספאַרשטענדניש, אָבער מיינע רייד האָט מען אין אַכט נישט גענומען, און געגן מיר איז צוזאַ-מענגעשטעלט געוואָרן אַ באַשולדיקונגס-אַקט.

נישט לאַנג נאָכדעם האָב איך זיך געפונען אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק, איך בין געזעסן געשמידט אין קייטן, ווי

אַן אמתער מערדער — און בײ דער זײט פון מיר איז גע־שטאַנען אַ שטרענגע װאַך פון צװײ שומרים.

עס איז פאָרגעלײנט געװאָרן דער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מיר, עס האָט זיך אין אים געזאָגט, אַז איך האָב אינ־מיטן העלן טאָג אויסגעפירט אַ רויב־אָנפאַל אויף דער און דער באַנק און צוגערויבט דרײ טויזנט דאָלאַר, דערבײ דערהרגעג־דיק דעם קאַסירער דורך אַ קויל פון אַ רעװאָלװער, װעלכן מען האָט געפונען לעבן מיר, די ערשטע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די קויל, מיט װעלכע דער קאַסירער איז דערהרגעט געװאָרן, איז די זעלבע פון דעם רעװאָלװער, װאָס מען האָט געפונען נעבן מיר, עס זײנען אויסגעהערט געװאָרן אַ רײע עדות, װאָס האָבן באַשטעטיקט קעגן מיר די באַשול־דיקונגען.

נאָך אַ לענגערע באַראַטונג לײנט דאָס געריכט פאָר דעם אורטײל: אַז דער פּאַקטישער מערדער אין אויספירן דעם רויב־אָנפאַל און דאָס ערמאָרדן דעם קאַסירער — בין איך און איך װער געמשפּט דורכן געזעץ, פּאַראַגראַף דעם־ און דעם — טויט דורך הענגען!

איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטישן געװײן, באַלד האָב איך זיך געפונען פעסט געשלאָסן אין די אָרעמס פון די צװײ שומרים, װאָס האָבן מיך צוריקגעפירט אין מײן צעלע אַרײן.

די עקזעקוציע איז באַשטימט געװאָרן אויפן צװײטן טאָג 6 אַ זײגער פאַרנאַכט.

די לעצטע מינוטן זיינען פאר מיר געווען טרויעריקע, איך האב געזוכט א זאך מיט וואס זיך א מעשה אנצוטאן, אבער עס איז קיין זאך נישט געווען אין מיין צעלע, אויסער די נארע און בענקל וואס זיינען געווען צוגעשמידטע צו די ווענט.

פלוצלינג האט זיך אויפגעמאכט די טיר פון מיין צעלע, עס איז אריינגעקומען דער תפיסה-וועכטער און א פארשטייער פון דער מאכט מיט א ייד א למדן, וואס האט מיט מיר געזאגט וידוי. קורץ נאכדעם האט מען מיך ארויסגעפירט אויפן עקזעקוציע-פלאץ, דארט איז שוין געשטאנען גרייט א תליה און דער תליון האט זיך ביי מיר מסעסק געווען, אין א זייט זיינען געשטאנען: דער שופט און פארשטייער פון דער מאכט און געריכט, מען האט מיך ארויפגעפירט אויפן בענקעלע, דער תליון האט גענומען פארלייגן די פעטלע איבער מיין האלז, דער שופט האט ווידער אויסגעליינט דעם אורטייל — און דער תליון האט זיך גענומען א ציטאן פארן שטריקל, איך האב מיטן גאנצן כח אויסגעשריגן: — שמע ישראל! — —

— — — — — — — — — — — —

פלוצלינג איז געשען א נס מן השמים און איך בין ניצול געווארן פון טויט, לאנג לעבן זאל מיין ווייב, ווען נישט זי, וואלט איך געווען א געהאנגענער און זיך איצט שוין מער נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע — נאר אויפן עולם-אמת, אזוי ווי זי האט דערהערט מיין אויסגעשריי: שמע

פרײלעכע זיגזאַגן

ישראל, האָט זי מיך אויפגעוועקט פון מיין שרעקלעכן חלום מיט אַ פייערדיקן פּאַטש, וואָס איך וועל אים לאַנג געדענקען – אָבער איך בין געבליבן געראַטעוועט פון דער תליה...

װען דער מאַן איז אונטערװעגנס...

בעלע איז געװען באַקאַנט אַלס לײכטזיניקע װײל װײ-
בעלע, אַרום איר האָבן זיך טאַקע דערפאַר, שטענדיק געדרײט
אַ שפּאָר ביסל יונגעלײטלעך — װי בינען אַרום אַ בינשטאָק...
איר מאַן אַלס װאָיאַזשאָר איז שטענדיק געװען אונטער-
װעגנס, עס פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז ער פלעגט אַ צװײ-
דרײ װאָכן נישט אָנקוקן זײן הײם און זײן יונג שײן טעמפּע-
ראַמענטפולע װײבעלע בעלע, װעלכע האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט
נאָך אַ מענעריש האַרץ...
פאַר די קנאַפּע דרײ יאָר זײענדיק פאַרהײראַט צו איר
מאַן, האָט זי גאָר קנאַפּ אױסגענוצט דעם פאַמיליען צוזאַמענ-
לעבן, װײל װי באַקאַנט איז איר מאַן שטענדיק געװען אונ-
טערװעגנס — און װען ער פלעגט אַהײם קומען, האָט זיך בע-
לאַ צו אים געפילט, גאָר פרעמד, שטאַרק פונדערװײטנס —
װי ער װאָלט איר גאָרנישט אָנגעהערט...

קיין קינדער האָט בעלאַ נישט געהאַט, די גאַס האָט אפילו געמורמעלט, אַז די סיבה פון נישט האָבן קיין קינדער, איז אירע, אָבער בעלע האָט געטענהט — אַז זי איז אינגאַנצן אין אָרדנונג...

אַז קיין קינדער זיינען נישט געווען און דער מאַן איז געווען אָפט ווייט פון איר, האָט זיך בעלאַ געקאָנט דערלויבן אויפן ברייטן אופן צוכאַפּן אַ פלירט — און צוגעניסן אַ ביסל פון לעבן...

בעלאַ איז זיך שטענדיק אומגעגאַנגען ווי אַ לאַלקע: אַן אויסגעפוצטע, אַן אויסגעפּראַנטעוועטע; די האָר פריזירט, די נעגל אויסגעמאַניקירטע אויף רויט, דאָס נעזל פּאַרוויסט, די ברעמען צוגעצריסטע, און אירע אויגן האָבן גערופן און גע-וועקט מענערישע הערצער...

ווי פאַרשטענדלעך זיינען זיך יינגעלייטלעך: בחורים, פאַרהייראַטע און סתם דאָן-דזשואַנען „מרחם" איבער אַזאַ איינ-זאַמע יינגע נשמה, און מען לאָזט איר שוין נישט אָפּפּינסטערן אליין אַ וועלט. און מען האַלט מיט איר מיט געזעלשאַפט...

כדי צו זיין פּאָרזיכטיק האָט זיך בעלאַ איינגעאָרדנט איר געזעלשאַפט, נישט אין קיין עפנטלעכע פּלעצער, כדי נישט אַריינצופאַלן אין מענטשנס מיילער, זי האָט זיך איינ-געאָרדנט — טאָקע ביי זיך אין הויז.

איר הויז האָט זיך געפונען גראָד אין נישט קיין שטאַרק באַוווינטן אָרט — און קיין גרויסע רייד נישט געקאָנט דערוואַרטן.

כאָטש אַרום בעלאַן האָבן זיך געדרייט אַ גרויסע געזעלשאַפט פון זכרים, האָט זי דאָך אַלעמאָל געזאָרגט, אַז זי זאָל זיך געפינען אין דער געזעלשאַפט פון איינעם — העכסטענס צוויי.

ווען בעלאַ האָט געוווסט, אַז איר מאַן דאַרף קומען פון וועג, האָט זי שוין מיט אַ טאָג צוויי פריער, אויסגעטאָן פון איר גאַנצער געזעלשאַפט און איר אַרט לעבן — און ווי אַן אומשולדיק געטריי ווייבעלע אָפּגעוואַרט איר מאַן מיט אָפענע אָרעמס.

אַז דער מאַן איז אַוועקגעפאָרן, איז געווען דאָס זעלבע זי פריער: חברה זיינען געקומען און בעלאַ האָט ווידער פאַרבראַכט און געגאָסן פון דער געזעלשאַפט.

איינמאָל ערגעץ אויף אַ שפּאַציר האָבן זיך בעלאַס אויגן צוזאַמענגעטראָפן מיט די בליקן פון אַ באַקאַנטן דאָן-זשואַן. יענער האָט געזוכט ווי נאָך אָנצוקניפּן אַ שמועס. עס זיינען אָבער נישט געווען די וועגן דערצו. יענער האָט שוין לאַנג וועגן בעלאַן געטראַכט און געזוכט פּלענער — ווי אַזוי צו געווינען איר האַרץ.

אָבער נישט אַזוי לייכט איז דאָס יענעם אָנגעקומען בעלאַ האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט און מיט שטאָלץ אַוועק פון אים.

דער אינטערעס און ווילן, איז ביי יענעם געוואַקסן, בפרט נאָך ווען ער האָט געהערט. אַז בעלאַ איז גאָרנישט אַזאַ שלעכטע...

איינמאָל האָט יענעם דאָס גליק געגילט: ער האָט אָנגעטראָפן בעלאַן שפּאַצירן און ער איז דרייסט צו איר צו און פאָרגעלייגט צו באַגלייטן איר. בעלאַ האָט זיך אַנטקעגן נישט געשטעלט און ער האָט איר באַגלייט — ביז צו איר טיר. בעתן העפלעכן געזעגענען, האָט דער פּיפּיקער חברה׳מאַן, געפרעגט אין העפלעכן טאָן, צי אים איז דערלויבט, אַמאָל צוקומען איר באַזוכן. בעלאַ האָט געענטפערט גאַנץ פריינטלעך, אַז — יאָ!

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז יענער געקומען באַזוכן בעלאַן. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין עסיג און האָניק. פאַרן טיר האָט ער העפלעך אָנגעקלאַפּט און ווען בעלאַ האָט פאַר אים געעפנט די טיר — איז ער אַריין.

פאַרבערענגנדיק אַ שטיקל צייט, האָט ער אָנגעהויבן זוכן ווערן, צו דעם, וואָס ער האָט לאַנג געשטרעבט, אָבער בעלאַ האָט מיט שטאָלץ אים אַנטזאָגט, אַז זי איז נישט פון „יענע" פון וועלכע ער טראַכט...

אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט בעלאַ דורכן פענצטער באַמערקט, ווי איר מאַן קומט אָן.

עס איז איר פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן און זי האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען, אַז דער פאַרשוין זאָל זיך אָפּטראָגן, אַנישט וועט אויסברעכן אַ ווילסטער סקאַנדאַל.

וועגן אָפּטראָגן זיך האָט שוין קיין קלער נישט געקאָנט זיין, ווייל עס איז שוין געווען צו שפּעט, דאָס איינציקע כדי זיך צו ראַטעווען און אויסצומיידן אַ סקאַנדאַל — איז געווען

בלויז זיך אויסצובאַהאַלטן, און יענעמס אויגן זיינען געפאַלן אויף דער שראַנק, ער איז צו איר צו — כדי אין איר צוגע־פינען שוץ.

אָבער פלוצלינג האָט זיך בעלאַ געשטעלט אין דער ברייט פאַר דער שראַנק און אַרויסגעקרעכצט:

— איר קאָנט אין שראַנק נישט אַריין... זי איז שוין פאַרנומען — פון אַ צווייטן!...

די געהיימניספולע צחיי באַרדערס...

עס האָבן זיך אין דעם הויז וואו איך בלייב, אַריינגע־צויגן צוויי פרישע באַרדערס, זיי האָבן פאַרנומען אַ צימער אין שכנות צו מיר, זייער טיר איז געווען פונקט ווי־זאָ־ווי מיין טיר, און יעדע באַוועגונג און אָטעם־צוג — האָט זיך לייכט דערטראָגן צו מיר.

גאַנצע טעג פלעגן די צוויי פרישע באַרדערס זיצן אין הויז, פאַרבעהאַלטן אין זייער צימער, קיינער האָט זיי נישט רעכט געזען פאַר די אויגן, אויסער אין דער צייט, ווען מען האָט אַלע צוזאַמען געזעצט זיך צום טיש, דאַן זענען זיך שטיל שווייגענד אַריינגעקומען די פרישע צוויי באַרדערס, פאַר־נומען ערטער און שטיל שווייגנדיק געגעסן, בלויז איבערוואַרפנ־דיק זיך איינער אויפן צווייטן מיט שטומע בליקן.

ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי שטיל אויפגעהויבן זיך פון די ערטער, און מיט שטילע טריט זיך צוריקגעלאָזט אין זייער צימער.

שלאָפן פלעגן זיי אַ שטיק אין ווייטן טאָג אַריין, און

ווען די בעל־הבית׳טע האָט אָנגעהויבן גרייטן צו מיטאָג, פלעגן זיי דאַן ביידע אויפשטיין, אין די געבלימטע קאָלירטע לאַנגע פיזשאַמעס און שטעק־שיך, פויל זיך אַרומשלעפּן — און געשוויגן.

ווען די זון האָט אָנגעהויבן באַהאַלטן זיך, האָבן די צווי באָרדערס זיך אַרויסגעריסן פון זייער צימערל און פאַרשווינדן ביז האַלבע נעכט, ווען אין דרויסן האָט אָנגעהויבן שאַרן זיך אויף טאָג, האָבן זיי זיך צוריקגעקערט; שטיל אויפגעמאַכט די טיר און שטיל זיך אַריינגעשלייכט.

און אַזוי האָט זיך עס געפירט פאַר וואָכן לאַנג.

איך האָב געוואָלט אַמאָל אָנקניפּן מיט זיי אַ שמועס, ווערן מיט זיי נאָענט, אָבער יענע פלעגן אויסמיידן דאָס, אויף יעדע פראַגע מיינע, האָבן זיי קורץ אָפּגעהאַקט געענטפערט — און פאַרשווינדן אין זייער צימער.

די גאַנצע זאַך איז מיר אויסגעקומען שטאַרק געהיים, באַהאַלטן אונטער אַ שלייער פון עפּעס פאַרדעכטיקעס.

איך האָב אָנגעהויבן אַנדערש קוקן אויף די צווי באָרדערס און יעדער זייער באַוועגונג און דאָס כסדרדיקע שטילשווייגן — האָט מיר צוגעגעבן וועגן זיי נישט מאָראַלישעס צו טראַכטן...

איצט זייערע געשטאַלטן: איינער הויך, פעסט געבויט מיט דורכדרינגגנדע שאַרפע אויגן און מיט באַקן־בערד, און דער צווייטער — דער היפוך: אַ קורצער מיט לאַנגע נישט

געשוירענע האָר, מיט הויך פאַרשניטענע פאות, וואָס האָבן פּאַרדעכטיק אויסגעקוקט, מיט אַ לייכט פיגורל, וואָס האָט נישט גערוט — ווי קוועק-זילבער...

אויך אַלע איבריקע אין הויז האָבן שטאַרק נאָכגעקוקט די צוויי פרישע באַרדערס, אָבער קיינער האָט זיך נישט אַזוי נאָנט פאַרטראַכט וועגן זיי און אַזוי ערנסט — ווי איך.

אפשר דערפאַר איז דער אינטערעס בײַ מיר געוואַקסן, וועגן די צוויי געהיימע געשטאַלטן, וואָס זייער צימער איז געווען נאָנט צו מיר, און זייער טיר — ווי-זאַ-ווי מיר.

און וויפל איך האָב געוואָלט פאַרטרייבן די געדאַנקען, די בייזע מחשבות וועגן די צוויי פרישע באַרדערס, זיינען זיי מיר אַלץ נענטער און אָפטער געקומען, און מיר געגעבן פיל שרעקלעכעס וועגן זיי נאָכצוטראַכטן.

איינמאָל, געווען איז דאָס שפּעט בײַ נאַכט, פּלוצלינג בין איך געוואָרן איבערגעוועקט און געשטערט אין מיין שלאָף: פון דעם שכנות׳דיקן צימער, ווי-זאַ-ווי מיר, וווּ די צוויי פרישע באַרדערס זיינען געשטאַנען, האָט זיך צו מיינע אויערן דערטראָגן — אַ שרעקליך געהיימער געשפּרעך:

„זיין נשמה און זיין געלט איז אונז נויטיק.“

„יאָ, מאַקס איך וועל דיר דינען ווי אַ גוטער ברודער — און דיין פּלאַן העלפן דיר אויספילן!“

איך בין געבליבן ליגן אין שווערע אַנגסטן, דער גאַנצער קערפּער איז מיר געוואָרן ווי אָפּגעשטאָרבן, איך האָב

געוואָלט שרייען געוואַלד, איך האָב זיך דאָך באַהערשט און געשוויגן — און באַלד האָב איך ווייטער אויפגעכאַפּט:

„זיין בליק און נאָכקוקן איז געפערלעך, ער מוז אָפּגע־רוימט ווערן פון וועג!"

„מאַקס, אפשר איז דאָס נאָך צו פריצייטיק אויסצופירן; אפשר אָפּלייגן דאָס אויף אַביסל שפּעטער?"

„אויסגעשלאָסן, אויסגעשלאָסן! יעדע שעה, יעדע מינוט, איז צו טייער צו וואַרטן!"

איך בין געבליבן ליגן ווי אָן אַ לשון, איך האָב גע־וואָלט שרייען, רופן הילף, אָבער עס איז נישט געגאַנגען, איך האָב געוואָלט אַרויסשפּרינגען פון בעט און לאָזן זיך לויפן אין דער וועלט אַריין, זיינען אָבער די פיס און דער גאַנצער קערפּער געווען מיר נישט בעוועגליך, ווי פון ליים, בין איך געלעגן אין בעט און געקוקט אין פינסטערן חלל — און גע־פיבערט...

אויף צומאָרגנס האָב איך געוואָלט זאָגן דער בעל־הבית־טע, אַז איך קלייב זיך אַרויס, אַז מער קאָן איך דאָ נישט בלייבן. אָבער נישט צו לייכט איז מיר דאָס לעצטע געווען צו זאָגן דער בעל־הבית'טע, דעם גאַנצן יאָר בין איך געווען צופרידן און פריילעך, ביי יעדער געלעגנהייט — געלויבט דער בעל־הבית'טע פאַר דער גוטער און פריינטלעכער באַנעמונג צו מיר, און דאָ פּלוצלינג — אַזאַ ערקלערונג, שווער צו פועלן ביי זיך אויף דעם שריט, אָבער פאַרפאַלן — איך מוז דאָך!

פון דער צווייטער זייט האָט מיך אַ געהיימער אינסטינקט אָפּגעשטויסן און מיך געוואָרנט, נישט צו זיין אין איילעניש: נישט כאַפּן פּלוצלינג מיט אַמאָל האַק און פּאַק און אַנטלויפן, דאָס וועט נאָך אפשר פיל שאַדן, אַנשטאָט גוטס אריינברענגען און יענע פאַרדעכטיקע פאַר מיר צוויי באַרדערס, וועלן דאָס אָננעמען פאַר עפּעס נישט געווינטשנס פאַר זיי, און דאָס וועט טאַקע דאַן ווערן פאַר מיר געפערליך.

האָב איך באַשלאָסן צוצוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, אפשר וועט זיך די לאַגע ענדערן, אפשר וועלן גאָר יענע זיך אַרויס ציען, אָדער אַ צווייטע ענדערונג וועט קומען צום גוטן.

איך האָב אָנגעהויבן אויסמיידן זייער בליק, איך האָב אויף זייער זייט אויפגעהערט צו קוקן, אָבער זייערע גע-שטאַלטן — האָבן מיך געמאַכט אויפּציטערן...

און ווידער בין איך געשטערט געוואָרן ביינאַכט אין מיין שלאָף, און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דער נעכטיגער געהיימער געשפּרעך, און ווידער האָט מיך געוואָרפן אין שטאַרקן פיבער, און ווידער האָב איך געוואָלט שרייען גוואַלט—און נישט געקאָנט.

אינדערפרי האָב איך ווידער געוואָלט ערקלערן דער בעל-הביתטע, אַז איך מוז זיך אַרויסציען, אָבער ווידער איז דאָס מיר געווען שווער און איך האָב אין טיפער שרעק געוואָרט, נישט וויסנדיק אויף וואָס...

אַ שרעקלעכע נאַכט האָב איך געהאַט די לעצטע נאַכט. אויף קיין פאַל האָב איך נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן: שרעקלעכע בילדער האָבן ווילד געדרייט זיך פאַר מיינע אויגן געמאַטערט מיך און נישט געלאָזט מיך איינשלאָפן — קיין אויג צו טאָן.

דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב נאָך איינס. שטיל, ווי אויף אַ געהיימניספולן אופן, האָב איך געהערט זיינען די געהיימע צוויי באַרדערס געקומען, שטיל האָבן זיי צוגעלענט די טיר, איינער האָט געטאָן אַ הוסט — איך האָב אויפגעציטערט.

איך בין געלעגן אין בעט מיט אַ פערהאַלטענעם אָטעם. אָנגעשטרענגט מיין חוש־השמיע צום שכנותדיקן צימער און זיך צוגעהערט — — —

נישט לאַנג איז אַוועק און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט דער נעכטיקער און פאַרנעכטיקער געשפּרעך, יעדעס וואָרט איז אַרויסגעזאָגט מיט פעסטער שטים, דייטליך, אָבער געהיימניספול.

און אָט דערהער איך דאָס קול, פון דעם הויכן פעסטגעבויטן מיט די באַקן־בערד, ווי געהיימניספול ער זאָגט:

„און די צייט איז געקומען, גיב אַהער דעם רעוואָלווער!"
„אָט גיב איך דיר אים מאַקט!"
„איז ער אָנגעלאָדן?"

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

די לעצטע ווערטער האָבן מיך אינגאַנצן צובראָכן; איך

האָב זיך פאַר שרעק טיף אײנגעגראָבן אונטער דער קאָלדרע און אַ שטאַרקער שווייס האָט מיך באַדעקט. די צײנער האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אין מײן מויל — מיט נסים זײ זענען נישט אַרויסגעשפּרינגען... און אין די שרעקליכסטע פאַרבן האָב איך געזען דעם מלאך המות פאַר די אויגן...

װען דער מאָרגן האָט אָנגעהויבן אָנזאָגן אַז ער קומט, האָב איך זיך אַ שטאַרק אויסגעמאַטערטער אײנגעפּאַקט, באַ־צאָלט דער בעל־הביתטע און ערקלערט, אַז מער קאָן איך בײ איר נישט װאױנען — און אַוועק זוכן אַ צווײטע וואוינונג.

מיט אַ קורצע צײט שפּעטער איז פאַר מיר אױפגעקלערט געוואָרן די געהײמניס, וועגן יענע צווײ פאַרדעכטיגע באַרדערס; איך בין געוואָר געוואָרן אַז זײ זײנען — אַקטיאָרן, און זײער שפּעט קומען בײנאַכט איז נישט מיט קײן פאַרדעכטיקס פאַר־בונדן, דאָס זײנען זײ געוועזן פאַרנומען בײ זײערע אױפטריטן און זײערע שרעקליכע געהײמע געשפּרעכן זײנען געווען — רעפּעטיציעס...

איך האָב באַדויערט די שלעכטע מײנונג מײנע וועגן די צווײ באַרדערס און איך האָב זיך מיט פרייד צעשמייכלט...

ווי אַזוי מען שרייבט, און ווי אַזוי מען דרוקט אין צייטונגען...

איך האָב אַמאָל אָנגעשריבן אַ הומאָרעסקע, אַ הומאָרעסקע ווי דער שטייגער פון הומאָרעסקעס, מיט אַן אינהאַלט אַ לאַכנדיקן, אַ פריילעכן: דורכגעפלאָכטן מיט הומאָר און וויץ, און ווי דער שטייגער איז, אַז פון הומאָרעסקעס דעם גרעסטן טייל, אַנשטאָט לאַכן — וויינט מען... לכל הפּחות בלייבט דער לעזער פון זיי אין טרויעריקער שטימונג מיט טרויעריקן בייגעשמאַק, אָבער מיין הומאָרעסקע איז מיר גראָד געלונגען אין אמתער הומאָריסטישער פאָרם, מיט אמתן הומאָר וואָס האָט געשפּריצט און געשפּרודלט אין אַלע אברים מיט געזונטן געלעכטער...

באמת ווייס איך אַליין נישט, ווי אַזוי מיר איז געלונגען אַזאַ זאַך — אַזאַ געלונגענע לאַכנדיקע הומאָרעסקע אָנצושרייבן, אפשר דערפאַר וואָס איך בין דאַן געווען אין אַ גאָר שלעכטער שטימונג, איך בין געווען שטאַרק פאַרצווייפלט — ווי מען קאָן כאַפּן אַ גמילות חסדל...

אָבער דער עיקר איז, אַז די הומאָרעסקע איז מיר גע-

לונגען — איך האָב זי אָנגעשריבן אין אַ גײַסטרײַכן הומאָ־ריסטישן סטיל...

דער אינהאַלט פון דער הומאָרעסקע איז אומגעפער אין קורצן געווען אַזוי:

„אַ לעבנס־לוסטיקער בחור אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך פאַרליבט אין אַ טעמפּעראַמענטפולע יינגע מיידל. (ווו זע־נען פאַראַן אַלטע מיידלעך?...) די ליבע איז געווען שטאַרק געהיים, אַזוי געהיים, אַז.. דאָס פאַרליבטע פּאָרל אַליין האָט אויך דערפון נישט געוווסט.

אָבער דאָס האָט נישט געשטערט די יינגע הערצער פונם פארליבטן פּאָרל צו חלום'ן וועגן הייראַט... דאָס לעצטע האָט אפילו זיי געשראָקן, מחמת מיטן הייראַטן וועלן זיי פאַר־לירן זייער ליבע... דערווייל האָבןביידע יינגע הערצער זיך ליב געהאַט, און זיך נאָנט האַרמאָנירט... דעם מיידלס מוטער— די צוקונפטיקע שוויגער, איז פון דער געהיימער ליבע געוואָר געוואָרן און אַרייַנגעבראַכט אין איר גרויס שטערונג, דאָס יינג פּאָרל איז געווען געצוווּנגען נאָך געהיימער זיך אויסבאַ־האַלטן מיט זייער ליבע און האָבן דערמיט אַ סך געליטן און געהאַט שאָדן אויפן ליבעס וועג...

ענדליך האָט די ביידע צוקונפטיקע שוויגער צוגעמאכט די אויגן אויף אייביק, זי איז געשטאָרבן — ברוך דיין אמת! און די צווײ יאָלדן פון מיין הומאָרעסקע, דאָס פאַרליבטע פּאָרל, האָבן אין אַ גליקלעכער שעה — מיט גרויל חתונה געהאַט.

אַט אַזוי אומגעפּער האָב איך אָנגעשריבן מיין פּריילעכע הומאָרעסקע. דער סוף פון איר איז אפילו אַביסל אַ טרויריקער, אָבער איך האָב זיך נישט געקאָנט העלפן אויף דעם וועג — אַזוי האָט מיר דיקטירט מיין ליטעראַרישער חוש...

איך האָב די הומאָרעסקע אוועקגעשיקט אין רעדאַקציע צום דרוקן.

דער רעדאַקטאָר איידער ער גיט אוועק דעם מאַנוסקריפּט צום דרוקן, האָט ער אָבער אַ שוואַכקייט אַליין צו צופּיקסן מיט זיין פּען, מעג זיין נויטיק, אָדער נישט — טוט ער דאָך עס, דערצו האָט ער שוין אַ געוווינהייט — אַ טראַדיציע: ער מוז עפּעס צוגעבן אָדער אַרונטערגעמען — לכל הפּחות כאָטש איבעראַנדערשן.

וועגן בחור הזעצער אין דאָך שוין אַ לאַנג באַקאַנטער ענין, אַז אַ חוץ גרייזן, מוז ער נאָך עפּעס טאָן; עפּעס פאַרטוישן, פאַרפּלאָנטערן אַזוי, אַז ער פאַרלירט דעם אמת'ן טעם און ריטם — און גאַנץ אָפט פאַרלירט ער דעם גאַנצן אינהאַלט אפילו.

און ווי באַקאַנט, אַן ארטיקל נאָכן דורכשפּאַצירן דעם רעדאַקטאָר און בחור הזעצערס הענט, ווערט עס נאָך אויך מגילגול אין די הענט פון אַ קאָרעקטאָר, און דער קאָרעקטאָר דורכקוקנדיק, בלייבט אויך נישט „שולדיק" מיט אַ פּיר מיט דער פּען — שוין אויף דעם קאָרעקטאָרישן שטייגער...

און מיין דערמאָנטע הומאָרעסקע האָט טאַקע ווייזט אויס אַ סך געליטן דורכגייענדיק די הענט פון רעדאַקטאָר, בחור

הזעצער און קאָרעקטאָר, ווייל אויפן צווייטן טאָג, ווען די צייטונג איז דערשינען, האָט זיך מיין הומאָרעסקע אַזוי געליינט

„אַ יינגע טעמפּעראַמענטפולע שוויגער, האָט זיך פאַר־ליבט אין איר טאָכטערס בחור, וואָס האָט געזאָלט זיין איר צוקונפטיקער איידעם, די ליבע איז געווען שטאַרק געהיים, כּדי די טאָכטער זאָל דערפון נישט וויסן און איר נישט אין דעם שטערן... איר הארץ האָט הארמאָניש געקלאַפּט — אַלס רע־זולטאַט פון ליבע און אַלס רעזולטאַט פון שרעק, די טאָכטער זאָל נישט מערקן איר ליבע צום בחור. דעם בחור האָט אויך געקלאַפּט דאָס הארץ, מחמת — ער האָט געהאַט אַ שוואַך הארץ... האָט די יינגע צוקונפטיקע שוויגער שטאַרק געטראַכט, געטראַכט פאַרשידענע טראַכטונגען און פּלענער - ווי אַזוי צו־הייראַטן דעם בחור, אָבער אין וועג איז איר געשטאַנען איר טאָכטער, פּלוצלינג האָט דער בחור געמאַכט אַ שטאַרב (מעג־לעך צוליבן שוואַכן הארץ, אָדער פון שטאַרקע ליבע...) און די מוטער האָט אין אַ מזלדיקער שעה חתונה געהאַט מיט איר טאָכטער — ברוך דיין אמת...״

אָט אַזוי איז אַרויס מיין הומאָרעסקע אָן אָפּגעדרוקטע אין צייטונג...

די מאַמע איז אים לעבעדיק געוואָרן...

יחזקל זילבערשטיין דער פּרעסער, האָט פּלוצלינג דער־האַלטן אַ שרעקלעכן בריוו פון דער אַלטער היים — זיין מו־טער איז געשטאָרבן!

עטלעכע מאָל האָט יחזקל געהאַלטן דאָס באַשריבענע שטיקל פּאַפּירל אין האַנד און אַרויסגעלייענט פון די שורות — דעם טויט פון זיין מוטער.

אַז יחזקל זילבערשטיין האָט שוין אפשר צום צוואַנציקסטן מאָל איבערגעליינט, מיט טרערן אין די אויגן, די ווערטער: „די מאַמע איז געשטאָרבן, גרויס איז אונזער אומגליק, היט אָפּ דעם קדיש!" האָט ער זיך ערשט איצט שטאַרק צעהעשעט פאַנאַנדערגעוויינט זיך אויפן קול — און זיך געזעצט שבעה.

די ווערטער: „היט אָפּ דעם קדיש!" האָט ער הייליק אויפגענומען, זיי האָבן אים, ווי שווערע גלאָקן געקלונגען אין די אויערן.

אויפגעשטאַנען איז יחזקל פון דער שבעה אַ שטאַרק אָפּ־

געשוואַכטער און מיט אַ צעבראָכן האַרץ איז ער געגאַנגען ווידער צו דער אַרבעט.

יעדן אינדערפרי איידער יחזקל איז אַוועק צו דער אַר־בעט, איז ער געלאָפן זאָגן קדיש, אויך נאָך דער אַרבעט, האָט ער שנעל געאײַלט — נאָך צו כאַפּן אַ מנין כּדי צו קאָנען זאָגן קדיש און אַזוי האָט זיך עס געפירט פאַר אַ לענגערע צייט — פאַר וואָכן און חדשים.

טיף אין האַרצן האָט זיך בײַ יחזקלען, ווי עפּעס אָפּגע־ריסן, ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען שטאַרק פאַרציקט און פאַרצערט, ער איז געווען איינזאַם און פאַר קיינעם נישט גע־האַט אויסצוגיסן זײַן אָנגעווייטיקט האַרץ. דאָס ביסל לאַנדס־לייט פון זײַן שטעטל, וואָס האָבן אַהער אַריבערגעוואַנדערט צוגלייך מיט אים, זײַנען שטאַרק פאַרפרעמד און אָפּגעריסן גע־וואָרן איינער פון צווייטן, אין צעוואָרפענע מקומות האָבן זיי זיך געבויט זייערע היימען, טייל פון זיי מאַטערן זיך פאַר אַ לעבן און אַ טייל האָט דאָס מזל געגילט — זיי זײַנען גע־וואָרן גבירים, גרויסע ביזנעס־לייט, פירן אַ רייך ברייט לעבן און זענען קנאַפּ פאַראינטערעסירט מיט אַן אָרעמען אומגליק־לעכן לאַנדסמאַן — פון זייער שטעטל.

און יחזקל זילבערשטיין איז אַרומגעגאַנגען אין געהאַקטע ווונדן, נישט געהאַט פאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פון זײַן בי־טער האַרץ, די „קאָרעספּאָנדענץ” פון דער אַלטער היים — איז שוין לאַנג איבערגעריסן געוואָרן, פון זייט יענעם אומגליק־לעכן בריוו, אַז זײַן מוטער איז געשטאָרבן, האָט אויפגעהערט

צו אים קומען בריוו, זיין איינציקע שוועסטער, די אויסגעגע־בענע מיטן טאָקער, האָט שוין אויך לאַנג אין איר ברודערל יחזקל פאַרגעסן, אַמאָל פלעגט זי שרייבן — אַ בריוו אין אַ יובל, איצט איז איר דאָס אויך נמאס געוואָרן, זי האָט עס־לעכע מאָל צו יחזקלן געשריבן בריוו און געבעטן אַ קליינע שטיצע, אָבער יחזקל, צו ווען דאָס מזל איז געווען שטאַרק פונ־דערווייטנס, האָט דער שוועסטער נישט געענטפערט מיט קיין קליינע שטיצע, מחמת ער האָט טאַקע נישט געקאָנט, האָט די שוועס־טער באַשלאָסן אויפהערן שרייבן, דעם בריוו אין אַ יובל מיטן מאָטיוו — אַז איר ברודער יחזקל האָט אַ פאַרשטיינערט האַרץ — און עס זיינען אַ שאָד די פאָר גראָשן אויף מאַרקעס — וואָס זי גיט אויס.

אין דער אמתן איז יחזקל גאָרנישט געווען בטבע אַזאַ שלעכטער און נישט געהאַט קיין פאַרשטיינערט האַרץ. פון זיין קליינעם געהאַלט וואָס ער באַקומט, האָט ער קוים פאַר זיך אויסצוקומען, פונדעסטוועגן האָט ער דערפון געזען אָפּצושפּאָרן אַ פאָר דאָלאַר און זיי צוזאַמענגעקליבן און אָפּגעשיקט צו זיין אַלטע מוטער צוויי מאָל אַ יאָר — אויף פסח און סוכות פון וועלכע די אַלטע מוטער האָט טאַקע געצויגן חיונה.

אָבער איצט דאַרף שוין יחזקל פאַר זיין מוטער נישט זאָרגן, די פאָר דאָלאַר וואָס ער האָט אָנגעקליבן, ליגן און ער האָט מיט זיי נישט וואָס צוטאָן, וואָלט די שוועסטער היינט צו אים געשריבן אַ בריוו — שיקט ער איר גלייך אָפּ די אָפּגע־שפּאָרטע פאָר דאָלאַר, ער וויל פון זיי נישט געניסן און פון

זײ קײן הגאה נישט האָבן — זײ באַלאַנגען נישט צו אים, אָבער די שוועסטער שרײבט אים נישט און ער װײסט נישט, װאָס ער האָט צו טון — ער װײסט נאָר, אַז ער האָט אײן אויפגאַבע — צו זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען.

און שוין באַלד זעקס חדשים װי יחזקל אײלט יעדן אינדערפרי פאַר דער אַרבעט און יעדן פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט צו כאַפּן אַ מנין כדי צו זאָגן קדיש און װען יחזקל נעמט דאָס דערהאַלטענע בריװל אין דער האַנד אַרײן - רײסן זיך פון די שורות גלײך אַרויס די װערטער: „היט אָפּ דעם קדיש!"

אָבער פּלוצלינג איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך: — יחזקל האָט דערהאַלטן אַ בריװ פון... זײן מאַמען!

װען יחזקל האָט דעם בריװ איבערגעלײנט, האָט ער אים גיך, אין גרויס שרעק צעריסן, עס האָט זיך אים אויסגעװיזן— אַז דעם בריװ האָבן געשריבן בײזע רוחות און שדים... אָבער װען עס זײַנען אַװעק װידער אײניקע װאָכן — און ער האָט װידער דערהאַלטן אַ בריװל פון זײַן מוטער מיט שטאַרקע הילפס-רופן — פאַרװאָס ער האָט אין איר פאַרגעסן, האָט שוין יחזקל דאָס מאָל, דאָס בריװל נישט צעריסן — און גענומען זיך אינטערעסירן װעגן דער זאַך. — — —

קורץ נאָכדעם איז אַ גאַנצע פאַרפּלאָנטערטע געשעעניש אויפגעװיקלט און אויפגעקלערט געװאָרן: אזוי װי דער שטעטלדיקער לערער װעלכער שרײבט די בריװ פארן גאַנצן שטעטל, האָט געשריבן אַ בריװ צו יחזקלן פאר זײַן מוטער

וועלכע לעבט — און וויל לעבן, האָט ער גראָד געשריבן נאָך א סך אנדערע בריוו, צווישן זיי אויך א בריוו צו איי-נעם, אז זיין מוטער איז געשטאָרבן, און אז ער זאָל אָפּהיטן דעם קדיש זאָגן, און ווייזט אויס, אז אין גרויס איילעניש, האָט ער פארביטן די יוצרות און דעם בריוו, אז די מאַמע איז געשטאָרבן, אָפּגעשיקט אויפן אדרעס — פון יחזקל זילבערשטיין...

יחזקל האָט גלייך אויפגעהערט צו זאָגן קדיש, אָפּגע-שיקט די אָנגעקליבענע פאַר דאָלער צו זיין מאַמע, וועלכע איז פלוצלינג לעבעדיק געוואָרן... און זיך דערפילט גליקלעך-נייע געבוירן...

מיין פריינטס ווילע...

טרעפט מיך אַמאָל מייגער אַ פריינט אין גאַס — און דערפרייט זיך מיט מיר:

— האַלאו, וואָס זעט מען דיך נישט? — פרעגט ער מיך.

אַט, איז מען פאַריאָגט, שטאַרק „ביזי", — פאַרענטפער איך זיך, — און פאַרוואָס זעט מען דיך נישט? — פרעג איך צוריק מיין פריינט.

דו ווילסט מיך זעען? אין שטאָט בין איך היינט קנאַפּ, איך בין אין „קאַנטרי". איך זיץ אויף פרישע לופט, זיץ איך איך האָב זיך געקויפט אַן אייגענע ווילע, די „רויטע פיטשע" רופט מען זי! דאָס איז נישט קיין ווילע — נאָר אַ פּאַלאַץ! קום אַביסל אַרויס, נשקשה, דו וועסט קיין חרטה נישט האָבן, דו וועסט וויסן פון אַ לעבן! איך האָב אויך זייער אַ שיינעם גאָרטן — פון כל טובו נישט ווייט איז אַ לויטערער פליסן — דער טייך, אַ נחת זיך דאָרט צו באָדן — און אויך אַ פּלאַזשע איז דאָרט פאַראַן, מיט איין וואָרט: עס איז דאָרט אַלץ דאָ, וואָס די נאַטור פאַרמאָגט, איצט אין סעזאָן איז דאָרטן

ממש פאַרפלייצט פון מענטשן; פון ייִנגע מיידלעך און חנ׳ווי׳דיקע ווייבלעך, קום אַביסל אַרויס — ווייסט קיין חרטה נישט האָבן. עס איז נישט מער ווי אַ קנאַפּע דריי שעה רייזע מיטן באַן:

איך האָב מיין פריינט צו געזאָגט צו קומען באַזוכן אים און זיין ווילי — די „רויטע פיטשע״.

אַז עס זיינען אַוועק איינציקע טעג, האָב איך אַלץ געלאָזט אין שטאָט — דעם טומעל מיטן טעגלעכן הו — האַ, און געגרייט זיך אין וועג אַריין צו באַזוכן מיין פריינט מיט זיין ווילי — די „רויטע פיטשע״. איך האָב איינגעפּאַקט צוויי וואַליזעס און אַוועק צו דער באַן.

ווען איך בין אַראָפּ פון דער באַן, טרעף איך אָן אַ יידל:

— ר׳ ייד! — ווענדע איך זיך צו אים, קאָנט איר מיר אפשר זאָגן, ווו עס געפינט זיך דאָ, די ווילי, די „רויטע פיטשע״?

— די ווילי די „רויטע פיטשע״, — פאַרטראַכט זיך דאָס יידל, — יעס, איך האָב עפּעס געהערט וועגן איר, יעס די ווילי די „רויטע פיטשע״, וואָס פאַר אַ יאָרן זומער איז דאָרטן אייגער פערסמט געוואָרן פון שוואָמען? —

— ר׳ ייד, איך פרעג אייך נישט, וואָס דאָרטן איז געשען, נאָר ווו זי געפינט זיך?!

— ווו זי געפינט זיך? — קראַצט זיך דאָס יידל, — ווייס איך נישט!...

איך בין אַוועק פון דעם יידל אַביסל אַ אויפגערעקטער— און געלאָזט זיך זוכן מיין פריינטס ווילי, די „רויטע פיטשע״.

אָפּגײענדיק אַ שטיקל װעג, טרעפט מיך אױפן װעג אַן אײנע און פרעגט מיך:

— װאָס זוכט איר דאָ, הער?

— די װילע די „רױטע פּיטשע“!

— די װילע, די „רױטע פּיטשע“ זוכט איר? — פרעגט זיך יענע איבער מיט פערװוּנדערונג, — אַנטלױפט פון איר, זי איז נישט קײן װילע, נאָר עפּעס אַ הױז פון אומגליקן, קײן אײן טאָג גײט נישט פאַרבײ, אַז דאָרטן זאָל נישט געשען עפּעס אַן אומגליק, נעכטן האָט דאָרט אײנער באַקומען אַן אַטאַק — און געשטאָרבן!

דערהערט אַזאַ אומגליק, בין איך װי אַ אָבגעשרפּטער געלאָפן װײטער.

נאָך אַ לענגערע צײט אַרומשלעפּן זיך אין טיפן גליענ־דיקן זאַמד, אונטער דער ברענענדיקער זון מיט מײנע צװײ־װאַליזעס װאָס האָבן מיר שיער נישט אָפּגעריסן די הענד־מײנע, בין איך אַזױ פאַרקראָכן, פאַר אַ אײנגעפאַלן הײזל, פון פראָנט פאַר אַ זײט, איז געלעגן עפּעס אַ באַשעפעניש און זיך געברענט אונטער דער אַפריקאַנער זון.

איך בין געװען זיכער, אַז דאָ װױנט מײן פרײנט.

װען איך בין אָבער צו געקומען נענטער, האָב איך גע־זען, אַז נישט דאָס איז מײן פרײנטס װילע, נאָר פּשוט — אַ נעגער־הײזל.

האָב איך געביטן מײנע װאַליזעס פון האַנט צו האַנט — און געלאָזט זיך װײטער.

טאפּיענדיק אין זאַמד אָן אַ ציל, וואַקסט פאַר מיר פּלוצלונג אויס אַ געשטאַלט:

— „עקסקיוז מי סער"! — רוף איך זיך צו יענעם אָפּ — פּליז, אפשר קענט איר מיר זאָגן ווו עס געפינט זיך די ווילע — די „רויטע פיטשע"?

— אויב איך האָב נישט קיין טעות — באַקום איך אַ ענטפער — געפינט זיך יענע ווילע ביי אַן ערך 2—3 מייל פון דאַנען, אין דער זייט פון ריווער!

איך האָב געדאַנקט און געלאָזט זיך ווייטער.

אַז די פיס האָבן מיר שוין שטאַרק געבראָכן, און דאָס האַרץ האָט מיר נאָך שטאַרקער געחלשט פון הונגער, האָב איך זיך שוין געפונען נאָענט ביים זייט פון ריווער.

באַלד האָבן זיך פאַר מיינע אויגן געגומען באַווייזן אַ פּאָר שיטערע אָפּגעקאַלעכטע הייזלעך, אַנדערע נישט קיין געקאַלעכטע — בלעכענע.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ אָפּגעבראָכענעם אַלטן בוים אָפּרוען, אַרום געווישט זיך דעם שווייס, אין קאָפּ האָבן אָנגעהויבן אַרום-טאַנצן, ווי ווילדע שדימלאך, אָן אשיער גוטע געדאַנקען: איך האָב געזען מיין פריינטס ווילע די „רויטע פיטשע", דעם גאָרטן פון כל-טוב, די פלאַזשע, דאָס פּליסיקע טייכל, די רייכע נאַטור — — —

— אויף וועמען וואַרט איר דאָ, איר בלאָנדזשעט-דערהער איך פּלוצלינג אַ שטים.

איך עפען אויף די אויגן, פאַר מיר שטייט אַ ייד, ווען

נישט זײן צוקאַלעטשעטער יידיש — וואָלט איך זיכער דעם פרצוף נישט אָנגענומען פאַר אַ יידישן...

— איך זוך מײן פרײנטס ווילי די „רויטע פיטשע"!

— אויף די צודרײדטע ווילדע וועגן קאָנט איר לאַנג אַרום טאָפּטשן, אײדער איר וועט געפינען, איך וועל אײך רע־קאָמענדירן אַ באָי, פאַר אַ פּאָר פעניס וועט ער אײך צו פירן אויפן ריכטיקן אָרט!

און גלײך האָט זיך פאַר מיר באַוויזן אַן אָפּגעריסענער באָרוועסער נעגער־באָי. איך האָב אים פאָראויס באַצאָלט מיט אַ מטבע, און געלאָזט זיך נאָכן נעגער־באָי איבער צודרײדטע זאַמדיקע וועגן — צו מײן פרײנטס ווילי.

נאָך אַ קנאַפּע האַלבע שעה שלעפּנדיק זיך אין הײסן זאַמד, זײנען מיר צו געקומען פאַר אַ הויז, עס האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן אַ אויפשריפט:

„ווילי — גרינער סאָלדאַט".

איך בין געבליבן שטײן פאַרוואונדערט, שטאַרק אַנטוישט מיט אונטערגעשאָסענע פליגלען, מיט איובדיקע אויגן בעטראַכט דעם אויפשריפט: „גרינער סאָלדאַט" און מיט טיפן הארץ־װײטיק געבלאָנדזשעט מיט מײנע בליקן נאָכן נעגער־באָי, וואָס האָט געהאַט מײן מטבע און גענומען פאַרשוואונדן.

אזוי בין איך ארומגעקראָכן אַ גאַנצן טאָג איבער זאַמ־דיקע וועגן אונטער דער גליענדיקער זון, געשוויצט ווי אַ בי־בער, ביז איך בין געוואָיער געוואָרן, אַז אַזאַ ווילי — די „רויטע פיטשע", עקזיסטירט לגמרי נישט דאָרטן, און אַז מײן

פריינט האָט מיך מיאוס גענאַרט, געבלאָפט ווי עס זענען פּעאיק
צו בלאָפן — פּאַטענטירטע בלאָפערס...

מיט די לעצטע כחות, אויסגעמאַטערט ביז חלשות, האָב
איך זיך קוים דערשלעפט צו דער באַן-סטאַציע...

געהאַט אַ ביסל שרעק...

איך בין אַמאָל איינגעשטיגן אין טראַמוויי, דער טראַמוויי איז געווען איינגאַנצן ליידיק, איך בין געווען דער איינציקער פּאַסאַזשיר.

אַביסל שפּעטער זענען איינגעשטיגן צוויי פּאַסאַזשירן, פעסט געבויטע מיט געזונטע פּלייצעס און מוסקולן, מיט רויט אָנגעגאָסענע בלוט-פּנימער, און מיט רויטע גראָבע קאַרקן, וואָס האָבן אויסגעקוקט — ווי אויסגעבעטעטע ווייכע קישעלעך...

די צוויי פּאַסאַזשירן האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף אַ פּלאַץ — אונטער מיינע פּלייצעס, אַ פּאָר מינוטן האָבן זיי געשוויגן, באַלד האָב איך אויפגעכאַפּט אָפּגעהאַקטע געזונטע ווערטער:

– מיר האָבן אַ שטיקל אַרבעט... מיר מוזן דאָס גלייך אויספירן... דו וועסט אים דער ערשטער „כשר" מאַכן... איך וועל אים אויסשניידן די לעבער... אַרויסנעמען די קישקעס מיט די געדערים...

אַז איך האָב דערהערט די ווערטער, אַזאַ געשפּרעך פון

מיינע, אונטער די פלייצעס געזונטע שכנ"ים, איז מיר געוואָרן הייס און קאַלט, עס איז מיר דורכגעלאָפן איין שוידער דורך דעם צווייטן איבערן לייב, איך האָב געפילט — עס ווערט מיר שלעכט!

אין טראַמוויי זיינען מער קיין פּאַסאַזשירן נישט געווען, בלויז איך — און מיינע צוויי געזונטע שכנים וועלכע האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ גרויסן פּחד און שרעק.

איך האָב געטראַכט וועגן איבערזעצן זיך אויף אַ צווייטן פּלאַץ, האָב איך אָבער מורא געהאַט, נישט געהאַט דערצו קיין מוט, האָב איך זיך נישט איבערגעזעצט, מיינע שכנים זאָלן זיך נישט כאַפּן — און מערקן מיין פּחד און שרעק.

יענע האָבן נאָך אַלץ גערעדט אין דער זעלבער פאָרם און שפּראַך ווי פריער, איך האָב אָפּגעווענדט מיינע אויערן נישט צו הערן זייער געשפּרעך, אָבער וויפל איך האָב נישט געוואָלט הערן, האָב איך דאָך אַלץ אויפגעכאַפּט אָפּגעהאַקטע ווערטער ווי: שינדן, שניידן, טרייבערן, טויטן, אונטערהאַקן די פיס, אַרויסנעמען דעם מאַרך, צוברעכן די ביינער און נאָך און נאָך אַזעלכע ווערטער.

איך האָב אויפגעציטערט פון שרעק.

מער קיין פּאַסאַזשירן זיינען אַלץ נישט געווען אין טראַמוויי, איך האָב געוואָלט אויסשטייגן, איך האָב אָבער דאָס לעצטע, אויך מורא געהאַט, פאַר פּחד צו טאָן...

ענדלעך איז איינגעשטיגן אַ פרישער פּאַסאַזשיר און פאַר-

בומען אין אַ ווינקל אַ פּלאַץ, איך האָב דערקענט אין יענעם, מײנער אַ באַקאַנטער — אַ פרײַנט.

איך האָב דרײסט פאַרלאָזט מײַן פּלאַץ און זיך אַוועקגעזעצט נעבן יענעם, אָפּעטעמענדיק אַביסל לײַכטער...

איך בין געזעסן שטום און פון דערווײַטנס באַטראַכט מײנע שכנים מיט די רויט אָנגעגאָסענע בלוט־פּנימער און געזונטע פּלײצעס, וועלכע האָבן נאָך אַלץ גערעדט, און מיר האָט נאָך אַלץ געשווינדערט...

ווען איך מיט מײַן פרײַנט זײַנען אויסגעשטיגן פון טראַמווײ, האָב איך בײַ אים, שטיל, אין געהיים זיך געפרעגט — צי ער קען יענע לײַט.

מײַן פרײַנט האָט אויף זײ אַ נאָענטערן בליק געוואָרפן, און מיר פאַרזיכערט, אַז ער קען זײ זײער גוט: דאָס זײַנען זײַנע באַקאַנטע לאַנדסלײַט, זײ זענען בוטשערס (קצבים).

אויפן אָרט איז מיר גלײַך קלאָר געוואָרן, אַז דעם געשפּרעך האָבן זײ געפירט וועגן זײערע מסחרים, נישט מײנענדיק דערבײַ קײן שום שלעכטס...

איך האָב פרײער אָפּגעאָטעמט און זיך געטראַכט: באַשערט געווען אַביסל שרעק.

אַ מתּנה האָב איך באַקומען

פאַלט צו מיר אַריין מיינער אַ באַקאַנטער, אַ גוטער פריינט מיט אַ פרייד:

— דו ווייסט הערי, איך האָב געוואונען דעם „איריש-סוויפּסטאַיק” און אַזוי ווי איך האָב דיר געהאַט פאַרשפּראָכן, אַז אויב איך וועל געווינען אויף דעם „איריש-סוויפּסטאַייק”, וועל איך דיר קויפן אַלס מתּנה אַ „ווייערלעס”, און אַזוי ווי איך האַלט דיך פאַר אַ גוטן פריינט, נישט פאַר קיין ערגערן — ווי איך בין דיר, און נישט וועלנדיק בלייבן קיין ליגנער, האַלט איך טאַקע מיין צוזאַג און מיין מתּנה — דעם „ווייער-לעס” דיר געבראַכט.

און נישט באַוויזנדיק צו ענטפערן אַ וואָרט, טוט מיין פריינט אַ שפּרונג צו דער טיר, עפנט זי ברייט אויף און שרייט אַרויס:

— טשאַלי, קאָם אין!

און עס רוקט זיך גלייך אַריין אַ באָרוועסער קאַפּער-באַ-טראָגנדיק מיט זיך אַ גרויסן פאַרפּאַקטן פּאַקעט.

מיין פריינט לויפט אים אַנטקעגן, ווייזט אים אָן אוועקצושטעלן אויף מיין שרייבטיש און באַלד נעמט ער זיך אים אויפּפּאַקן, און ווי אַלס געניטער פאַכמאַן, שטעלט ער אים ריכטיק אוועק, ריכט אים צו מיט דער עלעקטריע און נישט לאַנג נעמט, אַז עס לאָזט זיך הערן אַ גרילצן מיט אַ פייפן — צום פאַרטויבט ווערן.

מיין פריינט שיינט פון גרויס צופרידנהייט און נאָך אַ שטיקל צייט עוסק זיין אין זיין אַרבעט, געזעגנט ער מיך אָפּ און פאַרלאָזט מיך...

— — — — — — — — — — — —

אַז מיינע שכנים און שכנות זיינען געוואָר געוואָרן, אַז ביי מיר אין הויז געפינט זיך אַ „ווייערלעס", האָבן זיי זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו מיר, געוואָרן אָפטע אַרייקומער, שוין צו אָפטע, יעדער באַזונדער האָט געדרייט און געפּאָרקעט ביי די שרייפלעך, אויף פאַרשידענע ריכטונגען, ווי יעדן איינעם באַזונדער עס איז געפעלן געוואָרן, אויף רעכטס און אויף לינקס, אַז מיט נסים, אַז דער „ווייערלעס" האָט דאָס איבערגעהאַלטן...

איך האָב נישט אַרויסגעוויזן די מינדעסטע אומצופרידנהייט, פאַרקערט; איך האָב נאָך יעדערן באַזונדער צוגעוואָרפן אַ שמייכל אַלס צייכן פון צופרידנהייט.

אַלע ווײַלע האָט אַ צווייטער געלאָזט אין גאַנג זיינע ידים און עוסק געווען אין „הלכות־ווייערלעס", ווענדיק אַרויסווייזן זיינע פעיקייטן און חוש פאַר מוזיקאַלישקייט, אַלס רע־

זולטאַט דערפון האָט זיך געלאָזט הערן אַ גרילצעניש און פייפן ביז צום פאַרטויבט ווערן, וואָס האָט מיך געטריבן פון הויז אַרויס.

מיינע שכנים און באַקאַנטע זיינען מיך מקנא מיט מיין פאַרמעגן, דעם „ווייערלעס" וואָס איך האָב באַקומען אַלס מתנה, יעדער האָט אַרויסגעוויזן און אַרויסגעזאָגט זיין מבינות און אָפּשאַצונג, אַנדערע האָבן אַרויסגעמורמעלט:

— ביי לייטן גוטע פריינט, מען גיט זיך מתנות, איז דאָ וואָס צו זעען און צו הערן — וואָס פאַרשאַפט אַן אמתן פאַרגעניגן!

אַן עלטערע פרוי כאַפּט אונטער:

— צו גוטע פריינט דאַרף מען האָבן מזל, אָט, צו מיר אין הויז אַריין, פלעגט קומען אַ בחור, אַ גאַנץ פיינער יינגער־מאַן, מיר האָבן אים אַלע געגליכן; איך, מיין אַלטער און די קינדער זאָלן געזונט זיין, האָבן אים אַלע געהאַלטן פאַר אַן אמתן גוטן פריינט, איינמאָל האָב איך אים באַשלאָסן פאָרצו־שלאָגן אַ שידוך, מיט... מיין עלטערע טאָכטער — חנהלע זאָל לעבן. נו, זייט דאַמאָלט זעען מיר שוין נישט מער פאַר די אויגן אים אָן... פאַרלוירן אַזאַ גוטן פריינט!...

און ווידער כאַפּט אונטער באַלד אַ צווייטער:

— איר זאָגט פאַרלוירן אַ גוטן פריינט, אָט האָט מיט מיר, אויך אַזאַ ענדליכע געשיכטע פאַסירט, איך האָב אויך געהאַט אַ גוטן פריינט, טאַקע אַ פריינט בלב ונפש, האָב איך

אַמאָל ביי אים געכאַפּט אַ גמילות־חסד, און — פאַרלוירן אים לעולם ועד...

אַ חוץ וואָס אין מיינע אויערן האָבן געגרילצט הייזעריקע נודנעוואַטע טענער פונם „ווייערלעס", בין איך נאָך געווען געצווונגען אויסצוהערן אַ סך אַזעלכע לאַקריץ־געשפּרעכן, וואָס האָבן מיך שיער געטריבן צו חלשות... (זאָלן די לעזער מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אַ לייכטע נייגונג צו חלשות).

— — — — — — — — — — — —

און אַז מיין משפּחה און באַקאַנטע זיינען געוואָר געוואָרן וועגן מיין „ווייערלעס", האָבן זיי גלייך דאָס געלאָזט וויסן זייערע נאָנטע און פריינט, און זייערע נאָנטע און פריינט האָבן ווידער געלאָזט וויסן ווייטער און ווייטער, און אַלע הענדום־פּענדום האָבן זיך צו מיר געלאָזט, ווי אויף ביי'ז ווונדער; מיין הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, ווי אַ ברויזנדער קעסל; די טיר האָט נישט גערוט — מען איז געגאַנגען אַריין און אַרויס ווי בעת אַ שמחה, אָדער להבדיל ווי בעתן מתעסק זיין ביי — בר מנין... אונטערשיידט האָט זיך נאָר מיט דעם, וואָס דער „ווייערלעס" האָט געזעצט אויף דער גאַנצער פּאַרע.

נאָך די ערשטע פּאָר שעה זייענדיק דער באַזיצער פון „ווייערלעס", וואָס אַלס מתנה איך האָב באַקומען פון מיין בעסטן פריינט, האָב איך זיך באַלד אַרומגעזען און זיך איבערצייגט, אַז איך בין מיט מיין מתנה, גאָר שלעכט אַריינגעפאַלן, טאַקע אַריינגעפאַלן מיט הענט און פיס — ווי אין אַ טיפן אָפּגרונט.

— — — — — — — — — — — —

עס איז געווען איינמאָל אַ פאַרנאַכט, איך האָב געוואָלט פאַרענדיקן מיין פעליעטאָן שרייבן, דער גרילצן אָבער פון „ווייערלעס״ האָט מיר געשטערט, איך האָב אים געוואָלט אָפּ־שטעלן, אָבער אַ שכנה האָט מיר דאָס געשטערט; זי איז גע־שטאַנען ביים „ווייערלעס״, נישט אָפּגעטרעטן פון אים, ווי חלילה פון אַ געפערליכן חולה, געדרייט און געמיינסטרעוועט, גענומען אַלץ העכערע טענער — און צו מיר געשמייכלט פון גרויס הנאה און צופרידנהייט און פאַרציענדיק אירע אָנגעמאָ־לענע ליפּעלעך, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— איר ווייסט, אַ „ווייערלעס״ איז אַ נחת אין הויז, בע־סער ווי אַ שטיק מעבל, איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך צרלויב זיך מיט אים הויך צו פייפן, דאָס וויל איך כאַפּן פּאַריז.

מיין שכנה האָט לאַנג זיך געפּאָרעט און געדרייט, אַלע ווילע ביי אַ צווייטע שרייפל. די שטוב איז געוואָרן אָנגע־פילט מיט אַ סוויפּטשעריי און פייפעריי ווי בעת אַ שרפה אָדער ווי ביי אַן אַוואַנטוריסטישער געשעעניש און גאָר קירצליך ד־האָט זיך עס דערטראָגן אין גאַס, די גאַנצע גאַס שכנים, זייטיקע ווילד פרעמדע מענשן און סתם נייגעריקע, האָבן זיך אַריינגעריסן אין מיין הויז מיט גרויס געפילדער און טומל עמעץ האָט געקלונגען נאָך די פייערלעשער און עס איז טאַ־קע נישט לאַנג אָוועק, אַז צו מיין הויז איז מיט גרויס טומל און הילכיקן קלינגעריי, אָנגעקומען די פייערלעשער מיט זייע־רע אַלע מכשירים.

אין הויז איז אויסגעבראָכן אַ ווילדער געטומל און גע־פּלאָנטער, אײניקע האָבן זיך געריסן צום אַרויסגאַנג, אײניקע ווידער פאַרקערט, האָבן מיט דער גאַנצער קראַפט געוואָלט זיך אַרײנבאַקומען אין הויז אַרײן, דער טומל און מיש־מאַש איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט גרעסער און גרעסער און גע־וואָרן ביז גאָר געפערלעך.

דער „ווײערלעס" האָט נאָך אַלץ געררוישט, געפּײפט און געסוויפּטשעט אויף דער גאַנצער פּאַרע — צום פאַרטויבט ווערן — — —

פּלוצלינג האָט אַ פרוי אָנגעהויבן חלשן, דער טומל איז געוואָרן נאָך גרעסער. אַ מישמאַש נישט צום אויסהאַלטן, גע־שרײען און רופן האָבן אָנגעפילט דעם זאַל: וואַסער, וואַסער, שנעלער וואַסער!

די פײערלעשער וועלכע זענען געשטאַנען גרייט מיט זײערע יַמכשירים דערהערנדיק די רופן: „וואַסער, וואַסער" האָבן שנעלער מיט זײערע גוטע געשיקטקייט און מיט דער גאַנצער קראַפט אַרײנגעלאָזט אין הויז אַרײן געדיכטע שטראָ־מען וואַסער.

דער טומל און רעש איז געוואָרן גרעסער, עס איז אויסגעבראָכן אַ ווילדע מהומה און נאָך גרעסערע פּאַניק: די קולות און געוואַלדן זײנען געגאַנגען ביז אין זיבעטן הימל. איך בין געוואָרן אײנגעגאַנצן אַ צעטומלטער נישט ווויסנדיק וואָס צו טאָן. איך האָב געוואָלט אַרויס אַנטלויפן פון הויז, זײנען מיר אָבער אַנטקעגן געקומען שטראָמען וואַסער, בין איך גע־

ווען געניט צוריקצוהאַלטן זיך. אָבער זיין אין הויז איז געווען אומעגלעך, זהאָב איך געשריגן צוגלייך מיט אַלע, האָט זיך דער טומל נאָך שטאַרקער אויפגעהויבן. מיט אַ פאַרשטיקטן קול האָב איך זיך געבעטן; נעמט אַוועק דאָרט מיין שכנה פון „ווייערלעס" און די לאַגע וועט זיך באַרויקן!

מיין שכנה אָבער איז געווען אומעגליך אַוועקצונעמען, אָפּצורייסן פון „ווייערלעס", זי איז געווען ווי צוגעשמידט, צוגעוואַקסן צו אים: איר פּנים האָט געפלאַמט און געברענט, זי האָט אַלץ געדרייט און געזוכט צו כאַפּן פּאַריז, דערווייל איז דער טומל געוואַקסן פון מינוט צו מינוט אַלץ גרעסער און גרעסער. אָבער איר האָט דאָס הפּנים, גאָר ווייניק געקימערט, זי איז געווען פאַרעקשנט צו כאַפּן פּאַריז, און איר איז נישט אָנגעגאַנגען דער גאַנצער טומל וואָס קומט פאָר.

די שטראָמען וואָסער זיינען געוואָרן גרעסער, דער טומל — נאָך גרעסער, איך האָב דערפילט, איך ווער שוואַך, דער קערפּער הויבט זיך מיר אָן וואַקלען, פאַר די אויגן דרייען זיך ווינד־מילן, און טראַך —

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען אין בעט. נעבן מיר — צוויי נאָענטע פריינט, איינער האָט געטאַפּט ביים דופק — דער צווייטער האָט געמאָסטן די טעמפּעראַטור, איך קוק זיך אַרום, אַ ווו געפין איך זיך: דאַכט זיך מיין הויז און דאַכט זיך נישט מיין הויז; די ווענט ווי פאַרווינטע, אויסגעווייקטע, טייל ערטער אָפּגעשיילטע פון די טאַ־

פעטן, אַלץ צושטערט, אייניקע שויבן אויסגעבראָכן, מיין אַלמער מיט ביכער איבערגעקערט; די ביכער וואַלגערן זיך אויף דער ערד, טייל צוריסענע און אויסגעטראָטענע, אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ חורבה — אַ שרעק.

איך וויל צוריק איינשלאָפן, כדי נישט צו זען דאָס אַלץ, מיינע פריינט באַמערקן מיר. נישט צו שלאָפן, זיי בארואיקן מיך און טראָגן מיר אונטער אַ לעפל מעדיצין...

— — — — — — — — — — — — —

אַ פּאָר טעג האָט דער דאָקטאָר מיר פאַרזאָרגט נישט אַרויסצוגיין אין דרויסן, אויב מעגליך ליגן אין בעט. בין איך געווען אַביסל אין בעט, אַביסל אַרומגעשפּאַצירט איבערן הויז, באַטראַכט די צושטערטע הויז מיינע און געטראַכט וועגן מיין געטרייען פריינט וואָס האָט מיר געשאָנקען זיין מתנה — דעם „ווייערלעס" און בעת־מעשה אים געווינטשן, נישט אַזעלכעס וואָס מען ווינטשט אַ גוטן פריינט... און דער כעס צו אים, איז ביי מיר געוואַקסן מיט יעדער רגע.

— — — — — — — — — — — — —

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך אָט וואָס געוואָר געוואָרן:

מיין פריינט וואָס האָט מיר אַלס מתנה, דעם „ווייערלעס" געגעבן אויס פריינטשאַפט און אַלס צייכן פון צופרידנהייט וואָס ער האָט געוואונען אויף דעם „אייריש־סוויפּסטאַייק" — האָט מיך מיאוס גענאַרט: נישט ער האָט געוואונען אויף דעם „אייריש־סוויפּסטאַייק", נישט אויס פריינטשאַפט און נישט אַלס

מיין גוטער פריינט האָט ער מיר דעם „ווייערלעס" געגעבן, נאָר פשוט ער האָט דעם „ווייערלעס" אָפּגעקויפט פון זיינעם אַ שכן, וועלכער האָט אים פאַרטויבט, שיעור נישט דעם טויט געמאכט מיטן שפּילן גאַנצע טעג און נעכט, און נישט האָבנ־דיק קיין צווייטן אויסוועג, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער אָנשיקעניש, פון דעם שכנ'ס „ווייערלעס", איז ער געפאַלן אויף דער המצאה, אָפּגעקויפט אים פון יענעם און מיר אַלס מתנה אים געבראַכט...

— — — — — — — — — — — —

מאָראַל:

היט זיך אויס פון גוטע פריינטס מתנות, דער עיקר, ווען מען שענקט אייך אַ מתנה — אַ „ווייערלעס", אַנטלויפט דער־פון, ווי פון אַ בייזע שוויגער...

דער אַפּגעשאַרטער דאָן זשואַן

אַלבערט איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער דאָן־זשואַן און פרויען־יעגער, זיין איינציקער באַגער אין לעבן איז געווען — צו פאַנגען פרויען הערצער און געניסן פון לעבן. אַ פרויען־געשטאַלט האָט אים געמאַכט אויפציטערן און נישט געלאָזט אים רוען. זיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן האָבן געברענט מיט אַ תאווה-פייערל און דורכגענומען יעדע פאַר אים דורכשוועבנדע פרויען־וועזן.

פלעגט אַלבערטן געפעלן ווערן אַ פרוי, האָט ער שוין יענע נישט אָפּגעלאָזן פון אויג, ער איז שוין יענע נאָכגעקראָכן טריט נאָך-טריט און אויף פאַרשידענע אופנים געצילט אָנצוקניפּן קאַנטשאַפט.

עס פלעגט אויך, זייער אָפט טרעפן, אַז אַלבערט האָט באַקומען אַן אָפּשניט אַזעלכן, אַז ער האָט נישט געוווסט ווינאָך צו געפונען אַ וועג זיך אַרויסצודרייען — אַזוי איז אים פינסטער געוואָרן אין זיינע אויגן.

אַלבערט איז אָבער געווען ראַפינירט און דורכגעטריבן,

ער האָט פאַר קיין זאַך נישט געשראָקן און נישט געהאַט קיין בייגונג צו ביליידיקן זיך. ער איז געווען אַ חברה-מאַן מיט שטאַרקער אַמביציע, פאַריסן דעם קאָפּ און דרייסט געיאָגט זיך נאָך דעם שיינעם מין...

איינמאָל האָט אַלבערט שפּאַצירט אין אַ פּאַרק. עס איז שוין געווען גענוג טונקל, ער האָט מיט זיינע פייערדיקע דורכ-דרינגנדע אויגן דורכגענומען די פאַרביישפּאַצירנדע מיט אַ דורשטיקן בליק...

מיטאַמאָל האָט ער גענומען איילן, פּונקט ווי ער וואָלט דורך עמעצן געוואָרן געיאָגט. באַלד האָט ער זיך געפונען אויסערן פּאַרק: פאַר אים האָט מיט קורצע דראָבנע טריט, שפּאַצירט אַ הויכע עלעגאַנטע דאַמע געקליידעט אין טונקעלן ער איז פלינק, געשיקט פאַרלאָפן דעם וועג פאַראויס און מיט זיינע פייערדיקע אויגן, איר טיף דורכדרינגלעך אַריינגעקוקט אין פּנים — און לאַנגזאַם זיך פאַרהאַלטן.

די דאַמע איז זיך געגאַנגען איר וועג.

אַלבערט האָט נאָך געשפּאַנט און געהאַלטן די דאַמע אויפן אויג. ווען זי האָט זיך פאַרקירוועט אין אַ זייטיק געסל, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, ווי זיין שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, דערנענטערט זיך צו איר, העפלעך זיך באַגרוסט און איידל צוגעגעבן:

— ענטשולדיקט גוטע פרייליין, ערלויבט אייך צו באַגלייטן!

די דאַמע האָט אים שטרענג אָנגעקוקט און אָפּגעהאַקט צוגעוואָרפן:

— א דאנק!

אלבערט איז נישט אפגעשטאנען:

— איך האב דערקענט אין אייך, אז איר זענט צו איידל אז איר זאלט זיין געגן מיין פארשלאג און מיר ענטזאגן!

דער דאמע איז אפנים געפעלן געווארן דער ענכפער, און זי האט זיך הארציק צעשמייכלט:

— א צווייטער וואלט זיכער נישט זוכה געווען!

אלבערט איז געווארן אויסער זיך, זיין געוואגטקייט האט בעזיגט. די בלוטן אין אים האבן אנגעהויבן שטורמדיק צירקולירן און אן אויסערגעוויינדלעכע פרייד האט אים באהערשט. ער האט דער דאמע מיט הארץ-קלאפונג גענומען אונטערן ארעם און אן אנגענעמע ווארעמקייט האט שפאצירט איבער זיינע אברים. פלוצלינג האט ער געפרעגט:

— ווינט איר ווייט נאך פון דאנען?

אלבערט האט זיך אליין איבערגעשראקן פאר דעם, וואס ער האט נאר וואס געהאט געפרעגט און געוואלט אויסבעסערן, אבער די דאמע האט אלבערטן נישט לאנג געלאזט נאכטראכטן און געענטפערט:

— נאך א שטיקל וועג און מיין ווינונג קומט!

אלבערט האט זיך אביסל פארטראכט וועגן זיין גליק און ארויס ארויס מיט א פראגע:

— וועט איר זיך נישט באליידיקן, ווען איך זאל אייך פאר עטן אין מיין פיין לוקסוס איינגעארדנטן צימער?!

— באליידיקן? — האט זי פארוונדערט אויסגערופן, —

נאָך וואָס זיך באַליידיקן, נאָך מער... אויב איר זענט איינשטי-מיק, האָב איך אייך צו פאַרטרויען עפּעס!!

אַלבערט האָט מיט ציטער נאָענטער דער דאַמע אַרומ-גענומען:

— פאַרטרויט מיר! זאָגט מיר, איך בין גליקלעך צוהערן!

די דאַמע האָט זיך ווי אַרומגעקוקט, און צובויגנדיק נענטער צו אַלבערטן — אים איינגעשושקעט אויפן אויער:

— איך האָב אַן אַלטע מוטער... זי שלאָפט אין אַ באַ-זונדער צימער... קומט מיט מיר!

די ווערטער האָבן אַלבערטן ווי אָפּגעקאָכט, ער איז גע-וואָרן שטאַרק איבעראַשט, ער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זיין מזל גילט אים און דאַנקנדיק דער דאַמע, האָט ער מיט פרייד צוגעשטימט.

אַלבערט איז געגאַנגען שווייגנדיק, ער האָט נישט גע-האַט דעם לוסט אויסצורעדן אַ וואָרט, זיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט זיסע פאַנטאַזיע-טרוימען, מאָמענטן פון תאווה — וואָס דערוואַרטן אים...

גייענדיק אַזוי, האָט זיך פּלוצלינג די דאַמע אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויכער מויער, אַ געביידע מיט אַן אַלט-מאָדישער אַרכי-טעקטור. די דאַמע האָט דערקלערט אַלבערטן. אַז דאָ געפינט זיך איר וווינונג.

ביידע זיינען אַריין אין שוואַך באַלויכטענעם קאָרידאָר. אַלבערט האָט מיט נערוועזע טריט נאָכגעפאָלגט דער דאַמע. זיי זענען אַרויף אויף אַ שטאָק טרעפּ, ביידע זענען שטום גע-

בליבן שטײן. די דאַמע האָט אַרומגעקוקט זיך און שטיל אָפּ־געררופן:

— איך װעל אַרײַן זען, װאָס אין שטוב הערט זיך... איך קום שױן אַרױס!...

די דאַמע איז אַרײַן, אַלבערט איז געבליבן שטײן. נאָך אַ 10—15 סעקונדן איז די דאַמע אַרױסגעקומען און דערקלערט:

— מײַן מוטער איז נאָר װאָס אײַנגעשלאָפן, זײַט אַזױ גוט און קומט שטיל אַרײַן, אָן גערויש... טוט אײַך אויס די שיך אין פאָדערצימער, נאָר איך בעט אײַך, זײַט פאָרזיכטיק.. אָן גערויש װײַל מײַן מוטער, האָט זײער אַ שװאַכן שלאָף!...

די װערטער האָבן אַלבערטן װי צומישט. ער האָט אַזש פון פרײד געפיבערט, ער האָט שטיל זיך אַרײַנגעשלײַכט אין פינסטערן פאָדערצימער און פאָרזיכטיק — װי אַ גנב, אַראָפּ־געװאָרפן פון זיך די שיך מיט האַרץ־קלאַפּונג...

באַלד האָט אים די דאַמע אָנגענומען פאַר דער האַנט און אים אַרײַנגעפירט אין אַ פינסטערע שטוב. זײ זענען אויף אַ רגע שטײן געבליבן, און אין זעלבן אויגנבליק האָט זיך פּלוצלינג געטאָן אַ צינד אָן אַן עלעקטרישער שטראָם מיט ליכט און עס האָט גענומען אָפּהילכן אַ שטאַרקער קלינגנדער גע־לעכטער און חוזק אויסגעשרײען — — —

אין ערשטן מאָמענט האָט זיך אַלבערט שטאַרק פאַרלוירן ער האָט נישט געװוּסט, װאָס מיט אים איז געשען — און װוּ ער געפינט זיך, ער האָט שטאַרק אויפגעמאַכט די אויגן און דערזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ גרויסן רײַכן זאַל, מיט אַ

גרויסער געזעלשאַפט פוןביידע געשלעכטן, די דאַמע איז גע־
שטאַנען צווישן עולם און טריאומפירנדיק, איראָניש געקייכט פון
געלעכטער גלייך מיטן גאַנצן עולם...

אַז אַלבערט האָט זיך דערזען, אַז ער שטייט אָן די־
שיך — אין די בלויזע זאָקן, האָט אים אַ זעצגעטאָן אַ שטאַר־
קע היץ אין פנים אריין. ער האָט גענומען זוכן אַ וועג, ווי־
זיך ארויסקריגן פון דער חברה, וואָס שפּאַסן און חוזקן איבער
אים און מאַכן זיך פריילעך, ער האָט זיך אין לעצטן מאָמענט
באַהערשט, אָבער נישט מיט קליינער בושה און חרטה, איז ער
ווי אַן אָפּגעשרעקטער אין די זאָקן, לאָזנדיק די שיך קוים
אַנטלאָפן—אונטער הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן פון געלעכטער און
פייפעריי...

אינהאלט:

	עמוד
פארבעטן אויף מיטאָג	5
דער אייביקער בחור	16
אַ בריוועלע דער מאַמען	23
ס'וואָלט געקאָנט זיין נאָך ערגער	28
ער וויל דורך אויס אַן אַלמנה מיט קינדער	34
וואָס קאָן דאָס שאָדן	39
צו וואָס ציינער זענען נוצלעך	43
אַ בעל-דרשן האָט גע'דרשנט	47
צרות פון אַ שרייבער	52
ער איז אַן אומגליקלעכער	6
צוויי פאָרטרעטן	0
געראַטעוועט פון דער תליה	37
ווען דער מאַן איז אונטערוועגנס	72
די געהיימעניספולע צוויי באָרדערס	77
ווי אַזוי מען שרייבט און ווי אַזוי מען דריקט אין צייטונגען	84
די מאַמע איז אים לעבעדיק געוואָרן	88
מיין פריינטס ווילי	93
געהאַט אַ ביסל שרעק.	99
אַ מתנה האָב איך באַקומען	102
דער אָפּגענאַרטער דאָן-זשואַן	111

אויסטייטשונגען צו די ווערטער:

„ש א ד - א פ" — שווייג, מאַך צו דעם מויל.

„מ ו ש ל א" — גוט (נעגער-אויסדרוק).

„ס ט ע ר ע ק" — שטאַרק (נעגער-אויסדרוק).

„ד ז ש אָ ב" — אַרבעטס-שטעלע.

„ק אָ פ ע ר י ט ע" — אַ האַנדלס-אונטערנעמונג, וואָס ווערט באַזוכט בלויז פון נעגערס.

„פ יי וו ע ר" — אַ מטבע 5 פונט.

„ט ע נ ע ר" — אַ מטבע 10 פונט.

„א מ ס אָ ר י" — ס'טוט מיר זייער לייד.

„א י נ ש ו ר ט" — אַסעקורירט.

„פ אָ ט ש ן" — מטמון.

„ה אָ ס פ י ט א ל" — שפּיטאָל.

„נ אָ ט י ס" — קינדיגונג.

„ב אָ ר ד ע ר ס — קוואַרטיראַנטן;

„ב י א" — באַשעפטיקט.

„ק אָ נ ט ר י" — לאַנד, דאָרף.

„ע ק ס ק י ו ז מ י ס ע ר" — אַנטשולדיקט מיר הער.

„פ ל י ז" — ביטע.

„א יי ר י ש - ס וו י פ ס ט א יי ק — איירישע לאָטעריע.

„וו יי ע ר ל ע ס" — ראַדיאָ.

„ט ש א ל י" — אַ נאָמען.

„ק אַ ם א י ן" — קום אַריין.